# קהלת ציחנוב בחורבנה
## ומות־גבורים של רוזה רובוטה

ארויסגעגעבן דורכן קאמיטעט צו פאראייביקן דעם
אנדענק פון ראזא ראבאטא אין די פערזאנען: יחיאל
ישראלי (טראמבקי), נח זאבלודאוויטש און משה קולקא

1952 תל־אביב תשי״ג

# דער חורבן פון דער יידישער קהלה אין טשעכאנאוו

## און דער העלדישער טויט פון ראזא ראבאטא

# קהלת צ׳חנוב בחורבנה

## ומות־גבורים של רוזה רובוטה

# THE FALL OF JEWISH CIECHANOW

## AND THE HEROIC DEATH OF ROSA ROBOTA


מאטעריאלן געזאמלט דורך נח זאבלוראוויטש און משה קולקא

באארבעט און רעדאגירט דורך משה פוקס



1952 תל־אביב תשי״ג



Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2023

## אינהאלט:

1. פאָרוואָרט
2. אריינפיר
3. די לעצטע טעג פאַרן מלחמה־אויסברוך
4. דאָס פאַרנעמען טשעכאַנאָוו
5. די אָרגאַניזירונג פון יידישן לעבן ביז דער אויסזידלונג
6. דער ערשטער קרבן
7. די ערשטע אויסזידלונג קיין ניישטאָט
8. די געגנזייטיגע הילף
9. די יידישע יוגנט אין איר געראנגל
10. די עקזעקוציעס
11. די אָפּשטאַמונג פון ראָזאַ ראָבאָטאַ
12. „השומר הצעיר"
13. די אַרבעט פון ראָזאַ ראָבאָטאַ אין געטאָ
14. די אויסזידלונג קיין אוישוויץ
15. די מוסטער־האַלטונג פון די טשעכאַנאָווער אין אוישוויץ
16. די אונטערגרונט באַוועגונג אין אוישוויץ
17. דער אויפשטאַנד אין אוישוויץ
18. די ווייטערדיקע אויספאָרשונג
19. ראָזאַ ראָבאָטאַ אין טויטן־קאַמער
20. לידער, סקיצן און נאָוועלן

הנה אני פותח את קברותיכם והעליתי
אתכם מקברותיכם עמי והבאתי אתכם
אל אדמת ישראל

(יחזקאל)



ראָזא ראָבאָטא

געבוירן אין יאר 1921. אומגעקומען אויף
דער תליה אין אוישוויץ אין יאר 1944

יזכור אלוהים ועם ישראל את קדושי

# קהלת צ׳חנוב הי״ד

שנפלו לפני בני עוולה, קרבנות לחיתו טרף,
קלגסי היטלר הארורים ימ״ש, וקידשו את
השם ואת כבודה של האומה במות גבורה
וקדושה במחנקי הכבשנים, בשדות קטל,
ביערות ובדרכים ובכל מקום בו היתה
יד אשמדאי שליטה.

יהא דמם הטהור השפוך חנם, מעיין חי שירווה את לב אומה ומולדתה, ותהא קדושתם וגבורתם מזבח כפרה, שתעלה לרצון תמיד לפני אלוהי מערכות ישראל.

---

יזכור אלוהים ועם ישראל את גבורת־העם
הלוחמת האמיצה, נוקמת כבוד ישראל

# רוזה בת ר׳ ישעיהו רובוטה הי״ד

שהקריבה את חייה למען כבוד העם והועלתה
על הגרדום במחנת ההשמדה אושביץ,
בגלל התקוממותה נגד שלטון הרוצחים ימ״ש

תהא היא ומעשיה לסמל לגבורה, לנקם ולהתעוררות.

# פארווארט

10 יאר איז אריבער פון דער צייט, ווען ס'איז אויף א בארבארישן אופן אומגעבראכט געווארן די שעהנע היסטארישע יידישע קהלה אין טשעכאנאוו. מיר האבן געהאפט, אז עס וועלן זיך געפונען מענשן פון דער שארית הפליטה, וועלכע וועלן האבן מוט און ווילן צו פאראייביקן אונזער קהלה אין א דענקמאל פאר די צוקונפטיקע דורות. דער דענקמאל האט געדארפט זיין א גרויס בוך, וואס זאל פארשטעלן טשעכאנאוו אין איר בלי־עפּאכע און אין איר טראגישער אונטערגאנג. ליידער זענען זעהר ווייניג נעבליבן פון אונזער קהלה און די שארית הפליטה פון אונזער שטאט איז פארטונן יעדער אין זיין טאג־טעגליכן קאמף פאר עקזיסטענץ. אזוי ארום האט אויך געדראט די געפאר עס זאל איננאנצן איבערגעריסן ווערן יעדער קאנטאקט צווישן די שארית הפליטה פון טשעכאנאוו, וועלכע זענען צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט, האט דער טשעכאנאווער קאמיטעט אין ישראל באשלאסן ארויסצוגעבן די קליינע בראשור געווידמעט די לעצטע יארן פון קהלת טשעכאנאוו און דער העלדישער טויט פון די שטאלצע יידישע טאכטער ראזא ראבאטא.

ווער עס וויל געפונען אין דער בראשור ליטעראַרישע קונסט וועט זיך גיך אנטוישן. עס זענען ביי אונז נישט פארהאן קיין ליטעראטן און ווארט־קינסטלער. די בראשור איז געשריבן פון מענשן, וועלכע האבן אליין מיטגעמאכט דאס שרעקלעכע גהנום און בלויז על פי נס זענען זיי פון טויט ניצול געווארן; דאס שרייבן לעבעדיגע עדות פונ'ם טראגישן אומקום פון אונזער קהלה און ווען זיי האבן געשריבן די טראגישע זכרונות האבן זיי ווידעראמאל אדורכגעשווידערט די גאנצע גרויל און פיין, וואס זיי האבן אדורכגעמאכט צוזאמען מיט די קדושים. וועמען די נאצישע חיה האט פערשטומט אויף אייביק.

אונזער ווינש איז, אז די קליינע שאפונג זאל אויפוועקן אלע טשעכאנאווער אין דער וועלט דעם זכרון אין אונזער טראגיש־אומגעקומענער קהלה און זיך שטעלן אין קאנטאקט מיטן טשעכאנאווער קאמיטעט אין ישראל, בכדי פעסטער צו מאכן דעם קשר פון אלע די, וועלכע האבן יארן־לאנג און אויך דורות געלעבט און געווען ענג צונויפגעוואקסן מיט טשעכאנאוו.

איך וויל ספעציעל דאנקן דעם טשעכאנאווער קאמיטעט אין ישראל, אונטער דער אנפירונג פון די באקאנטע ציוניסטישע עסקנים יעקב כהנא און משה פרח (קוויאט) פאר זייער מסירת נפש'דיקע ארבעט ביים ארגאניזירן דעם ארגון יוצאי צ'חנוב בישראל, ווי אויך די גמילת־חסד־קאסע, וועלכע ווערט דורך זיי געלייטעט. א דאנק די גמילת־חסד־קאסע האבן אלע נייע עולים פון טשעכאנאוו הילף ביים איינארדנען זיך אין ישראל.

מיר ווילן אויך דאנקן די טשעכאנאווער לאנדסלייט אין אמעריקא פאר דער שטיצע, וואס זיי האבן געשיקט פאר די טשעכאנאווער אין ישראל און אויך פאר די סומען געלט פאר דער גמילת־חסד־קאסע. מיר גלויבן, אז זיי וועלן אויך ווייטער פארזעצן זייער וויכטיקע ארבעט.

מיר בעטן אַלע טשעכאַנאָווער, וועלכע פֿיהלען זיך בכח עפּעס צו שרייבן וועגן טשעכאַנאָוו אָדער באַזיצן היסטאָרישע דאָקומענטן אָדער בילדער, זיי זאָלן זיך שטעלן אין קאָנטאַקט מיט׳ן טשעכאַנאָווער קאָמיטעט לויט דער אַדרעס: **יעקב כהנא, תל־אביב, רחוב זבולון 33, פאַרן טשעכאַנאָווער קאָמיטעט.**

ואחרון אחרון חביב. אַ ספּעציעלן דאַנק די צושטעלער פֿון מאַטעריאַל פֿאַר דער בראַשור, די קעמפּער פֿון אוישוויץ נח זאַבלודאָוויטש און משה קולקאַ, פֿאַר זייער גרויסע הילף צום דערשיינען פֿון דער בראַשור.

מיר פֿאַרעפֿנטלעכן אַ רשימה פֿון די לעבנגעבליבענע טשעכאַנאָווער, וועלכע זענען געווען אין אוישוויץ. מיר בעטן אַנטשולדיגונג ביי אַלע די טשעכאַנאָווער, וועלכע געפֿינען זיך נישט אין דער רשימה. דאָס איז בלויז אַ רעזולטאַט פֿון חוסר ידיעה.

ס. פוקס

# אריינפיר

טשעכאנאוו האט ארויסגעגעבן אסך העלדן, וועלכע האבן מקדש השם געווען מיט זייער שטאלצן טויט אויף דער תליה אלס יידן. זיי קענען ווערן אנגערופן קדושים. ווייל זיי זענען געפאלן אויפן מזבח, וואס הייסט מערטירער־געשיכטע פון יידישן פאלק. מיט אזעלכע קדושים איז לײַדער רייך דאס יידישע פאלק. די גאנצע צייט פון אונזער ביטערן גלות האבן מיר זעהר פיל געבראכט קרבנות. שייטער־הויפנס, פאגראמען און שחיטות איז אין אונזער געשיכטע א טעגלעכע דערשיינונג. אין אלע דורות האט מען אונז געברענט און מיט שמע ישראל אויף די ליפן האבן טויזנטער פון אונזער פאלק אויסגעהויכט זייערע אומשולדיגע נשמות.

ראזא ראבאטא איז געווען אנ׳אנדער מין קרבן. זי האט נישט שלום געמאכט מיטן געדאנק, אז מיר זענען א פאלק, וואס מוז שטענדיק שטרעקן דעם האלדז צו דער שחיטה אן ווידערשטאנד. ווען זי האט געזעהן, אז עס איז נישט פארהאן קיין מעגלעכקייט ארויסצובאקומען זיך פון די נאצישע נעגל, האט איין געדאנק זי באהערשט, דער געדאנק פון נקמה. נקמה פאר דעם אומשולדיק פארגאסענעם בלוט פון אונזער פאלק. מיט פולן באוואוסטזיין האט זי זיך געגרייט צום טויט אויף דער תליה און צו נעמען נקמה אין דער נאצישער חיה. זי האט געוואלט ווייזן דער וועלט, אז אומברענגען איז נאר מעגלעך דעם מענטש׳נס גוף, אבער די נשמה, דער גייסט איז א נצחיותדיקע און עס איז נישטא קיין כח, וועלכער זאל זי קענען אויסלעשן; זי האט געוואלט ווייזן א מוסטער פאר די קומענדיקע דורות, אז בײַ יידן זענען נישט אלע גרייט צו שטרעקן זייערע העלדזער צו דער שחיטה אן קאמף און ווידערשטאנד.

אויב ס׳איז באשערט צו פאלן – האט ראזא באשלאסן – טא זאל עס זיין אין סאמף מיט די נאצישע בעסטיעס. און דורך אירע קינדערישע הענט זענען טאקע געפאלן צענדליקער געסטאפא־אויסוואורפן.

איר תליה האט גערופן ווי א הייליקע צוואה צו די יידישע יוגנט: אויב שטארבן, איז נאר אזוי ווי איך.

די נאצישע מערדער זענען אומרוהיג געווארן, ווען זיי האבן דערזעהן, אז בײַ די טויערן פון קרעמאטאריום גרייט זיך א ווידערשטאנדס־באוועגונג, וועלכע וועט זיך סוף סוף צוזאקסן אין א כח, וועלכער קען שטערן די פערניכטונגס־ארבעט פון די אומזוירדיקע חיה, וואס רופט זיך היטלער־דייטשלאנד.

מיט איר טויט איז אויפגעוועקט געווארן דער ווילן צו קאמף בײַ גרויסע טיילן פון יידישן פאלק, אין איר וועג זײַנען געגאנגען די צנחנים פון ישראל, די געטא־קעמפער פון ווארשא, ביאליסטאק, לאדז און אנדערע שטעט.

אסך אזעלכע העלדן האבן מיר נישט פארמאגט און דאריבער מעג די שארית הפליטה פון קהלת טשעכאנאוו זיין שטאלץ מיט זייער גרויסער טאכטער ראזא ראבאטא.

בכדי די קומענדיקע דורות זאלן קענען אפשאצן די העלדישקייט פון ראזא ראבאטא האבן מיר באשלאסן צו פאראייביקן אין א בראשור איר לעבן און שאפן און איר קאמף פארן יידישן כבוד.

# די לעצטע טעג פאַרן מלחמה־אויסברוך

די יידישע באַפעלקערונג לעבט אין א פיבער־שטימונג. עס דיסקוטירן גרופּעס יידן אויפן מאַרק־פּלאַץ, אין שוהל, בית־המדרש און אין די שטיבלעך. אומעטום איז די איינציקע טעמא: צי וועט אויסברעכן א מלחמה, אדער נישט? עס געפינען זיך שטענדיק אָפּטימיסטן, וועלכע באַווייזן מיט אותות ומופתים, אַז קיין מלחמה וועט נישט אויסברעכן. מען ברענגט ציטאַטן פון דער פּרעסע און פון פאַרשידענע מלוכה־מענער, אַז עס איז אוממעגלעך אין איצטיקן מאָמענט א מלחמה, נאָכדערצו, אַז פעלדמאַרשאַל רידז־שמיגלי האָט דערקלערט, אַז ער וועט אפילו קיין קנעפּל פון א פּוילישן שינעל די דייטשן נישט אָוועקגעבן. איז דאָך זיכער, אַז די דייטשן וועלן זיך שרעקן אָנצוהויבן א קריג מיט דעם „שטאַרקן פּוילן".

יידן האָבן זייער בּיזגערלעכע פליכט ערלעך דערפילט. זיי האָבן געגעבן איבער זייערע כוחות פאַר דער נאַציאָנאַלער הלוואה, געשיקט זייערע קינדער אין מיליטער און געוואַרט. אַז זייער אָפּטימיזם זאָל מקוים ווערן. קיינער פון זיי האָט נישט געטראַכט, אַז ס׳איז מעגלעך, אַז די גאַנצע פּוילישע אַרמיי, מיט אַלע אירע פלי־באַזעס און אַמוניציע־פאַבריקן ווערן אָנגעפירט דורך דייטשע שפּיאָנען.

אַזוי ווי יידן זענען געוואוינט געווען זייער גאַנצן בּיטערן גלות אַדורכצוטראָגען א דאַנק דעם בטחון, האָט מען אויך יעצט געהאָפט. אַז עס וועט געשעהן א נס און מען וועט די שרעק אויך איבערלעבן.

אויך די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט דיסקוטירט וועגן גורל פון פּוילן אין דער נאָנטסטער צוקונפט. נאָר זייער טעמא איז געווען אַנ׳אַנדערע: ווי אַזוי זיך איינצולעבן מיט די נייע הערשער, ווענן וועלכע זיי זענען געווען זיכער, אַז זיי וועלן אײַנקורצן באַהערשן די פּוילישע שטעט און שטעטלעך. ביי אַסך פּאָליאַקן, וועלכע זענען געווען באַקאַנט מיט זייער שנאה צו יידן, האָט מען געקענט באַמערקן גיפטיקע און ציניש שמייכלען אויף זייערע ליפּן און אכזריות האָט געשפּריצט פון זייערע אויגן. זיי האָבן געוואַרט אויף דער פּאַסיקער מינוט אויסצונוצן זייערע סאַדיסטישע תאוות געגן דער שוצלאָזער יידישער באַפעלקערונג. טראָץ דעם, וואָס מ׳האָט זיך נישט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז ס׳וועט אויסברעכן א מלחמה, האָט דאָך געהערשט א געדריקטע שטימונג ביי דער יידישער באַפעלקערונג און מ׳האָט געלעבט אין כסדר׳דיקער ערוואַרטונג. די לעצטע טעג האָבן יידן געזוכט ערטער, וואו ס׳איז פאַרהאַן ראַדיאָ. די פּרעסע איז גאַנץ פרי צוכאַפּט געוואָרן און איבעראַל האָט מען געזוכט א גוטע ידיעה. יעדער פּעסעמיסט האָט געבעטן, אַז די אָפּטימיסטן זאָלן דאַסמאָל זיין גערעכט. עס זענען פאַרגעסן געוואָרן אַלע פּאַרטייאישע און קהלישע רייסערייען. עס איז ווי פון זיך אַליין געשאַפן געוואָרן א אינערלעכע אחדות אויפצונעמען דאָס שרעקלעכע, וואָס דאַרף קומען, כאָטש מען גלויבט נישט אַז ס׳וועט קומען.

ליידער האָבן די פּעסעמיסטן געהאַט רעכט. די מלחמה איז אויסגעבראָכן מיט אַלע אירע גרוילקייטן און די יידישע באַפעלקערונג איז געשטעלט געוואָרן פאַר נייע אויפגאַבן.

# דאס פארנעמען טשעכאנאוו

גלייך דעם ערשטן סעפטעמבער, אין ערשטן טאג פון מלחמה־אויסברוך איז טשעכאנאוו געווארן באמבארדירט. די ערשטע קרבנות זענען געווען אסך פאליאקן. ס'איז באמבארדירט געווארן די ציגל־פאבריק און די געגענט איז געווען באוואוינט אויסשליסלעך פון פאליאקן. די רעגירונגס־באאמטע זענען זיך באלד צולאפן און אין שטאט האט זיך שוין געפיהלט די אנארכיע־שטימונג, וואס א מלחמה ברענגט מיט זיך. די אפטימיסטן, ספעציעל די רייכע יידן זענען געלאפן קיין ווארשא. דער ראדיא האט געמאלדן, אז ווארשא וועט זיך פארטיידיקן ביזן לעצטן טראפן בלוט און דארט וועט דער שונא ווערן צוריקגעשטויסן. מ'האט געצאלט די גרעסטע סומען צו דערגרייכן די הויפטשטאט. איין ציל איז געווען פאר אלעמען: וואס ווייטער פון די ברוינע באנדעס.

די דייטשע אוויאציע האט באמבארדירט אלע וועגן, וואס האבן געפירט קיין ווארשא און הונדערטער קרבנות זענען געפאלן אין וועג פון דער באמבארדירונג. ס'האבן זיך אפגעשפילט טרויעריקע סצענעס, וואו גאנצע פאמיליעס זענען צובראכן געווארן. איין טייל איז געהרג'ט געווארן, און די איבריקע האבן געמוזט אנטלויפן איבערלאזנדיק זייערע נאנטע טויטע אין מיטן וועג. אזוי זענען באלד אנגעקומען די טרויעריקע ידיעות פון וועג די ערשטע נרזסן פון די קרבנות. וואס מ'ר האבן נענעבן דעם ערשטן טאג פון דער מלחמה.

דער דריטער סעפטעמבער. די שטאט זעהט אויס ווי אויסגעשטארבן. אלע שטובן פארהעמערט. אסך באהאלטן זיך אין די קעלערן, עלטערע יידן זאגן תהלים און ביי יעדן אפקלאנג פון א שיסעריי רייסט זיך ביי זיי ארויס א שמע ישראל אויסגעשריי. אלע זיצן און ציטערן. מ'ווארט אויף דעם טרויעריקן וואס דארף באלד אנקומען. אונטער דער שטאט קומען פאר בלוטיקע שלאכטן. פון עלפטן פולק אולאנער, וואס האט פארטיידיקט די שטאט איז קיין איינער נישט געבליבן. א דאנק איר סטראטעגישע באדייטונג האט די שטאט געליטן מעהר ווי אנדערע דערנעבענדיקע שטעט ווי מלאווא, פולטוסק, פראשניץ א. א. און אזוי ווי מ'האט עס נעהאט פארגעזעהן האבן די ערשטע געליטן די יידן. וועקס אזייגער נאכמיטאג זענען די דייטשען אריין אין שטאט. זיי האבן זיך געלאזט אין א ווילדן גאלאפ איבער דער שטאט און ספעציעל איבער די יידישע געגענט, ארויסגעשלעפט פון די הייזער די דערשראקענע יידן מענער, פרויען און קינדער אין מארק און א דייטשער קאמאנדיר האט דערקלערט, אז פון היינטיקן טאג ווערט טשעכאנאוו א דייטשע שטאט און ער באשטימט אלס בירגעמייסטער א פאלקס־דייטש און ווער ס'וועט זיך נישט אונטערווארפן די נייע הערשאפט וועט אן געריכט דערשאסן ווערן.

די ווילדע בעסטיעס באפאלן דאן די שול, נעמען ארויס ספרי תורות און שענדן זיי מען ברעכט בענק, טישן און זשיראנדאלן. די טייערע זאכן ווערן ארויסגעפירט און די

איבעריקע פערברענט. אין שטאט איז א יללה. דער סימבאל פון יידישן הייליגטום איז אזוי מיאוס געשענדעט געווארן. מענשן ווילן איינשטעלן זייער לעבן צו ראטעווען ספרי תורות אבער זיי ווערן ברוטאל אפגעשטויסן און יידן מוזן צוקוקן ווי דער שטאלץ פון דער קהלה, די שעהנע גרויסע שוהל מיטן בית־המדרש וואו ס׳האט אמאל געדאווענט דער גרויסער רבי אברהם׳לע טשעכאנאווער זצ״ל ווערט חרוב. די שוהל ווערט פארוואנדלט און א אויטא־גאראזש צום דינסט פון די דייטשע בעסטיעס.

עס ווערט באשטימט א זעלבסט־פארוואלטונג פאר דער שטאט, וועלכע טרעט צו סיסטעמאטיש אדורכצופירן די אויסראטונגס־אקציע פון די יידן לויטן באפעל פון פירער. א געוויסע צייט האבן די יידן געלעבט רואיק, נור געפיהלט, אז עס פלאנט זיך עפעס שרעקלעכעס. דער רעזולטאט איז געווען א טאג־באפעל, אז אלע יידן מוזן יעדן טאג דערשיינען אויפ׳ן מארק־פלאץ און דארט זענען זיי צושיקט געווארן צו פארשידענע צוואנגס־ארבעט. די פראצעדור איז געווען פאלגענדע: אלע יידן האבן זיך געמוזט אויסשטעלן אין רייען און ווען דער גרויזאמער בירגער־מייסטער איז ערשינען האבן אלע ענטפלויזט די קעפ און אויסגעשריגען: גוט־מארגן, הער בירגערמייסטער. דער ענטפער איז געווען: גוט־מארגן, שווינען. און ווען ער האט אדורכגעקוקט די רייען זענען אכזריות׳דיקע קלעפ פון די רייטבייטש געפאלן אויף די פנים׳ער פון די יידן, וואס זענען געשטאנען נעבן אים. אין דערזעלבער צייט האט ער זיך געקוויקט מיט זיינע נאבעלע מעשים.

די ווייטערדיקע טעג האבן געבראנגט נייע גרויזאמע גזירות. אלע יידן מוזן טראגן אויף דער לינקער ברוסט א געלן מגן־דוד מיט׳ן אויפשריפט „יודע" און א געלע רונדע לאטע אויפן רעכטן אקסל. יידישע פארמעגנס זענען קאנפיסקירט געווארן, און אוועקגעגעבן פאלקס־דייטשן און פאליאקן. ווארשטאטן זענען נעווארן צוגענומען און די בעלי־מלאכות פערשיקט אויף צוואנגס־ארבעט. ס׳איז אויך שטרענג פארבאטן געווארן צו געהן אויף די טראטוארן און יעדער האט געמוזט אראפנעמען דעם הוט פאר יעדן דייטש, וואס ער האט באגעגנט.

עס איז אדורך א שטיקל צייט. אויך ווארשא איז שוין בעפאלן און די אנטלאפענע האבן זיך אנגעהויבן צוריקצוקערן קיין טשעכאנאוו. ווידער די זעלבע צרות, ארעסטן, געשאסענע און פארוואונדעטע. אזוי האבן זיי זיך אומגעקערט אין זייערע היימען.

די שטאט־פארוואלטונג איז שוין דאן געווען טעטיק. די אויפגאבע אדורכצופירן די אויסראטונג פון די יידן האבן אויף זיך גענומען די געסטאפא און די שוץ־פאליציי. ספעציעל האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אכזריות דער פאליציי־מייסטער וואלף און געסטאפא־מאן ראזנמאן, די פאלקס־דייטשן: אפעלד (דאס גאלדענע ציינדל), וועלכן אסך טשעכאנאווער געדענקן, אויך נודמאן א. א.

זאלן מיר די ליבע לעזער ענטשולדיקן, ווען איך וועל איבערייסן די שילדערונג פון די ווייטערדיקע פייניגונגען פון די דייטשע בעסטיעס מיט די אויבנדערמאנטע פירער.

איך לאז איבער ספעציעל אַ לער בלעטל, דאס בלעטל באדייט: שענדן אונזערע טעכטער, פארניכטן אויף א בעסטיאלישן אופן אונזערע קליינע אומשולדיקע קינדערלעך און נאך, און נאך...

דאס בלוט ווערט פארגליווערט, ווען מען דערמאנט זיך אין דעם אלעם, און עס פעהלט דער אויסדרוק און די פאנטאזיע קען נישט טופס זיין די שרעקלעכע טראגעדיע אין איר גאנצן פארנעם. עס איז א קללה אשר לא כתובה בספר. מען זייט טויט און פארניכטונג און אין די גרויליכסטע פארמען. ביז איצט האט זיך נאכנישט געפונען דער מענש, וועלכער זאל קענען דאס באשרייבן. דעריבער וועל איך א געוויסן צייט־אפשניט אדורכלאזן. זאל דאס לעדיגע בלעטל זיין א אנדענק פון דעם טרערן־אינזל. וואס איז דעמלט געווען טשעכאנאוו, זאל דאס בלעטל דינען ווי א אייביגער רוף צו נקמה און די מענשן־פרעסער, וואס האבן אזויפיל בארבאריזם ארויסגעוויזן נעגן אונזערע נאנטע. דאס בלוט פון אונזערע טייערע רופט צו נקמה, און אויך פארצווזעצן אויפבויען דאס חרוב געווארענע יידישע פאלק, איך בין זיכער, אז מיר וועלן זייער רוף דערפילן און איך וויל איבערגעהן שילדערן די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון יידישן לעבן אין יענע טרויעריקע טעג.

# די ארגאניזירונג פון יידישן לעבן ביז דער אויסזידלונג

די וויייטערדיקע טעג האבן געבראנגט נייע גזירות. יידן מוזן ארויסנעמען ספעציעלע דאקומענטן מיט א פינגער־אפדרוק, וואו ס׳איז ספעציעל אונטערגעשטראכן געווען דאס ווארט „יודע״. עס איז פארבאטן אונטער דער דרואונג פון טויט־שטראף צו פארלאזן די שטאט. עס איז ארגאניזירט געווארן א ספעציעלע בעקעריי (געוועזענע שיימאנס מלאווער בעקעריי) וואו יעדער ייד האט געקענט באקומען נאר 250 גראם ברויט. אנגעפירט מיט דער בעקעריי האט סאטל בוימגארט. פלייש האבן יידן געדארפט באקומען ביי פוילישע קצבים, אבער ס׳איז כמעט קיינמאל נישט געקומען צו קיין פארטיילונג פאר יידן. עס איז אויך געעפנט געווארן א ספעציעלע שפייז־קראם אונטער דער לייטונג פון יצחק לייב קלעניץ. יידן האבן באקומען א מינימום פון דעם, וואס די קריסטלעכע באפעלקערונג האט באקומען, נאר די נעגענזייטיקע הילף, וואס ס׳האט ארויסגעוויזן איין ייד צום צווייטן האט געגעבן די מעגלעכקייט ווי עס איז אדורכצושטיפן די צייט אן ספעציעלע אויפטרייס־לונגען.

נאכדעם ווי טשעכאנאוו איז אפיציעל געווארן אנגעשלאסן אין דריטן רייך האבן זיך די דייטשן פארנומען איבערצובויען די שטאט לויטן מוסטער פון די דייטשע שטעט. קודם כל איז געפאלן א קרבן דער יידישער קווארטאל. מען האט פערניכטעט אלע יידישע הייזער אין צענטער שטאט צווישן זיי אויך די שוהל און דאס בית־המדרש. ווי האבן חרוב געמאכט דאס אלטע בית־החיים און עס פארוואנדלט אין א פלאץ צושניידן האלץ. פון די מצבות זענען געמאכט געווארן ברוקן. דער רעזולטאט פון דער פארניכטונג אין געווען א שרעקלעכער די ענגשאפט איז געווארן זעהר גרויס און ס׳איז אויסגעבראכן אנ׳עפידעמיע פון פלעק־טיפוס און אנדערע קראנקהייטן.

זאל דא דערמאנט ווערן צום גוטן דער יידישער דאקטאר באראן – אליין א אינ־וואליד – וועלכער האט ארויסגעוויזן פיל מסירת־נפש צו לינדערן די נויט פון דער יידישער באפעלקערונג און פיל מיטגעווירקט אפצושטעלן די מגפה. מיט דער מיטהילף פון א טייל בעלי מלאכות איז אים געלונגען צו עפענען א שפיטאל און כמעט אן מעדיקאמענטן האט ער געארבעט אונערמידלעך צו העלפן יעדן ייד אין דער צייט פון א קראנקהייט.

אזוי איז געגאנגען דאס טעגלעכע לעבן פון די יידן, וועלכע האבן כסדר געלעבט מיט דער קללה פון דער תוכחה: בבקר תאמר מי יתן ערב ובערב מי יתן בוקר. אויב ס׳איז אדורך א טאג אן א ספעציעלן פארפאל איז דאס געווען א גליקלעכער טאג. איין געדאנק האט געעגבערט יעדנס מח: וואס וועט זיין ווייטער? וואס ווערט געפלאנט אויף מארגן?

העלפן זיך איז נישט געווען מעגליך. אויסער די געגנזייטיקע הילף, וואס איינער

האָט אַרויסגעוויזן צום צווייטן, איין טרייסט איז געווען, די סאָלידאַריטעט, וואָס האָט גע־הערשט צו יענער צייט. אַוועק אַלע קלאַסן־דיפערענצירונגען, אַ פאָלק פון קדושים וטהורים שטעהט פאַר דער פאַרניכטונג. זאָל דער טויט כאָטש זיין אַ ריינער.

# דער ערשטער קרבן

אין יאָר 1941 איז טשעכאַנאָוו אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דער טרויעריקער ידיעה, אַז עס זענען שוין פאַרהאַן דירעקטע קרבנות פון די נאַצישע חיות. דער ערשטער קרבן איז געווען דער באַליבטער חינוך־עסקן און גרויסער מכניס־אורח ר׳ אברהם אהרן קלמן הי״ד. עס איז כמעט נישט פאַרהאַן קיין איין ייד פון טשעכאַנאָוו, ער זאָל נישט האָבן געקענט דעם טייערן ייד. זיין גאַנץ לעבן האָט ער מקריב געווען פאַר דער געזעלשאַפט. אליין האָט ער געלעבט אין גרויס אָרימקייט און זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן מיט אַ הונגעריקן. אָפטמאָל פלעגט ער אויך זיין געלעגער אַוועקגעבן פאַר אַן אָרימאַן, צום שלאָפן. זיין איינציקער ציל אין לעבן איז געווען צו דערציען דעם יינגן דור און וויזן זיי דעם ריכטיקן וועג אין לעבן. די חינוך־אַרבעט אין טשעכאַנאָוו האָט ער פאַרגעזעצט ביי די שווערסטע באַדינגונגען.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן, גייענדיק צום דאַווענען אין אַ געהיים איינגעאָרדנט מנין מיטן טלית אונטערן אָרעם און פאַרטיפט אין זיינע מחשבות, האָט זיך אַ היטלעריסטישע בעסטיע פאַרגלוסט אַ שפּיל צו טון סתם אַזוי מיט אַ יידן, האָט ער אים פון אונטן אַ קויל אריינגעשאָסן און ר׳ אברהם אהרן איז געבליבן טויט אויפן אָרט. זיין טויט האָט אַרויס־גערופן טרויער און פאַרביטערונג אין שטאָט.

זאָל זיין אנדענק זיין געבענשט.

# די ערשטע אויסזידלונג אין יאר 1941

דעם ערשטן נאָוועמבער 1941 האָט געטראָפן ווי אַ דינער די טרויעריקע ידיעה, וואָס איז אָנגעקומען אין קהלה־ראט (אונטער דער אָנפירונג פון דעם נישט־סימפּאַטישן פּרעזעס בן־ציון ערליך. אגב וויל איך באַמערקן, אז ער איז געווען דער איינציקער ייד, וועלכער האָט געדינט געטריי די דייטשן און אויסגעפירט די באַפעלן אויך לפנים משורת הדין). די ידיעה, אז די קהלה מוז זאָפאָרט צושטעלן אַ רשימה פון 300 פאַמיליעס, בערך אַ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג, ארויסצושיקן אין אַ ספּעציעל־געשאַפענער געטאָ.

אויב מ׳האָט נאָך, ווי עס איז, אויסגעהאַלטן די צרות ביז דער אויסזידלונג איז עס נור געווען אַ דאַנק דעם, וואָס די פאַמיליעס זענען נישט צושיידט געוואָרן.

הארצרייסנדע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט, ווען עלטערן האָבן זיך געמוזט שיידן פון זייערע קינדער, מענער פון פרויען און שוועסטער פון ברידער. מיט רייטבייטשן זענען די יידן צוזאַמענגעטריבן געוואָרן און אויסגעשטעלט אין רייען, אזא שאַנדע, וואָס די יידן האָבן דאַן מיטגעמאַכט קען מען זיך נישט פאָרשטעלן.

פאַרלאָזן האָבן די יידן דאָס שטעטל, וואו זיי האָבן געלעבט גאַנצע דורות און דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן דער אונטערגאַנג פון די באַרימטע קהלת טשעכאַנאָוו.

פון צווישן די ארויסגעטריבענע שיינט ארויס דאָס פּאַטריאַכאַלישע געשטאַלט פון באַליבטן טשעכאַנאָווער חזן ר׳ לייזער באָרוכאָוויטש הי״ד, ווי עס רייסט זיך פון אים ארויס די הארצרייסנדע תפילה:

— נחשבנו כצאן לטבח יובל להרוג ולאבד ולמכה ולחרפה. ובכל זאת שמך לא שכחנו. בעט איך דיך, רבונו של עולם, נא אל תשכחנו.

ווען די נאַצישע חיות האָבן זיך געקוויקט מיטן טרויעריקן בילד און געשפּילט זיך מיט די יידישע ווייטאָגן פון שענדן דעם יידישן כבוד, צעוויינט זיך ר׳ לייזער און בעט זיך ביי גאָט:

— אל הביטה דל כבודנו בגוים ושקצנו כטומאת הנידה. אוי, רבונו של עולם, עד מתי עוזך בשבי ותפארתך ביד צר. ווייז דיין כח, עוררה גבורתך והושיענו למען שמך.

אזוי מאַרשירט די מחנה פיזיש שוואַכע, אָבער גייסטיק שטאַרקע יידן. אין זייער נייעם גלות, יעדער פאַרטיפט אין זיינע טרויעריקע געדאַנקען, זוער עס מאַכט אַ חשבון, וואָס ער האָט אָפּגעטון אין זיין לעבן. ווען ער פיהלט שוין, אז עס דערנענטערט זיך דער סוף און וזער עס טראַכט נאָך פאַרצוזעצן דעם געראַנגל און נקמה נעמען אין די מערדער פון פעלקער.

אזוי מאַרשירנדיק עטלעכע שעה, זענען זיי אָנגעקומען מיט די לעצטע כוחות קיין ניישטאָט. דאָרט זענען זיי אריינגעוואָרפן געוואָרן אין מחסנים, קעלערן, שטאַלן און חורבות. דאָס האָט געדאַרפט זיין דאָס נייע וואוין־אָרט פאַר די ארויסגעטריבענע יידן.

אלס רעזולטאט פון די שווערע באדינגונגען זענען אויסגעבראכן פארשידענע עפידעמישע קראנקהייטן. מענשן זענען אויך געשוואלן געווארן פון הונגער און קעלט און עס האבן אנגעהויבן אויסשטארבן מאסן מענשן. אויך דער איידעלער חזן ר׳ לייזער בארוכאווימש איז געפאלן א קרבן פון די באדינגונגען.

די ארויסגעשיקטע האבן געשיקט אלארמירנדע בריף קיין טשעכאנאוו וועגן זייער טרויעריקער לאגע און געבעטן הילף.

טראץ דעם, וואס דער מצב אין טשעכאנאוו איז געווען זעהר א טרויעריקער, האבן זיך באלד געשאפן הילפס־קאמיטעטן, וועלכע האבן זיך באמיט צו העלפן די ארויסגעטריבענע מיט וואס זיי האבן נור געקענט.

ס׳איז כדאי צו באמערקן, אז טשעכאנאוו איז געווען פון די שטעט, וועלכע האבן נישט ארויסגעגעבן קיין אויסוואורפן אחוץ דעם טרויעריק־בארימטן קהלה־פרעזעס בן־ציון ערליך, און ווען די דייטשן האבן געדאפט האבן יידישע העלפער אדורכצופירן זייער שמוציקע אויסראטונגס־ארבעט, האבן זיי געמוזט ברענגען אויסוואורפן פון דער פרעמד. אגב האבן זיי זייער שטראף באלד באקומען. זיי זענען אומגעבראכט געווארן דורך די דייטשן גלייך מיט אלע יידן, נור פאראיינזאמט און באגלייט מיט עקל דורך יידן און נישט־יידן פאר זייער טריי דינען דעם בלוטיקן שונא. אויך פרעמדע אויסוואורפן זענען נישט געווען פיל, בלויז נעצייילטע איז זיי געלונגען צו מאביליזירן.

די יידישע יוגנט האט זיך געהאלטן העלדיש און געהאלפן יעדן מיט וואס ס׳איז נור מעגלעך געווען. נור וועגן דעם אין די ווייטערע קאפיטלען.

# די געגנזייטיקע הילף

גלייך נאכן אנקומען פון די טרויעריקע ידיעות פון דער ניישטאטער געטא, איז אויף דער איניציאטיוו פון א גרופע יידישע בעלי מלאכות אונטער דער אנפירונג פון אברהם יעקל ביעזונער און לייבל נאלעק צוזאמענגעשטעלט געווארן א גרעסערע סומע געלט און ס'איז געשאפן געווארן א פאלקס־קיך. וואו ס'איז פארטיילט געווארן אומזיסטע מיטאגן. אויך אנדערע שטעט האבן זיך באשטייערט אויף דעם צוועק. די מיטאגן האבן אפגעראטעוועט אסך יידן פון הונגער־טויט. ווען די אקציע פון מיטאגן האט נישט געקלעקט צו לינדערן די גרויסע נויט פון דער ניישטאטער געטא האט איבערגענומען די איניציאטיוו די יוגנט. זיי איז אנגעקומען לייכטער זיך צו באוועגן פריי אין גאס אדאנק זייערע ארבעטס־שיינען. מיט דער הסכמה פון אויבנדערמאנטן קאמיטעט האבן זיי געמאכט נאך א געלט־אקציע פאר דער ניישטאטער געטא. אנגעפירט מיט דער אקציע האבן משה קולקא און יעקל אייזענמאן, וואס איז געזען באקאנט אלס דער לאמער יעקל. זיי האט געהאלפן לוי פוקס, פייוול סומקא, נח אייזנבערג און ליכטענשטיין. אנגעפירט מיט דער קוך האט דער פארדינסטפולער קליינהענדלער־עסקן משה ראובן ווינא ז"ל.

משה קולקא האט זיך איינגעגעבן ארייננצוקומען אין געטא און זיך זעהן מיט זיינע עלטערן. אזוי ארום זענען דערגאנגען די ידיעות וועגן זייער טרויעריק לעבן.

ס'איז כדאי צו באמערקן, אז יעדער טשעכאנאווער ייד האט זיך אויך דא געטיילט מיטן צווייטן מיטן ביסן פון מויל.

אבער נאכנישט מיט דעם האט זיך פארענדיקט דער געראנגל פון דער יוגנט אין יענע טרויעריקע טעג. ביי יעדן יוגנטלעכן האט געעגבערט אין מח איין געדאנק, אז עס מוז עפעס געטון ווערן, עפעס גרויסעס און ערהאבענס. וואס זאל ראטעווען דעם יידישן כבוד וועלכער ווערט אזוי ברוטאל געטרעטן פון די דייטשע אויסוואורפן. קיין קאנקרעטעס האט קיינער נישט געוויסט, נור א נקמה־דורשט האט באהערשט יעדן איינעם.

קיין פארטיזאנער־גרופן זענען אין טשעכאנאווער געגנט נישט געווען. די פוילישע באפעלקערונג האט באלד שלום געמאכט מיט די נייע הערשער און זיי האבן נור געווארט אומגעדולדיק אויף דער פארניכטונג פון דער יידישער באפעלקערונג, בכדי אויף א לייכטן אופן צו קענען ירשענען, דאס וואס יידן האבן געשאפן אין משך פון דורות.

די יוגנט האט געקריצט מיט די ציין פון אייפערגונג און געווארט אויף א פאסיקן מאמענט צו קענען זייער צארן ברענגען צום אויסדרוק.

# די יידישע יוגנט אין איר געראנגל

באלד ביים אנהויב פון דער אויסראטונגס־אקציע געגן די יידן, האט זיך געמערקט א אומרואיקע שטימונג ביי דער יוגנט, עס איז ביי זיי געפאסט געווארן א באשלוס נקמה צו נעמען, פאר יעדן פרייז, פאר דעם געשענדעטן יידישן כבוד. עס זענען זיך צונויפגעקו־מען באראטונגען פון יוגנט אין פארשידענע קרייזן, ווי ביי שיינדזשע סרעבנאגורא. עס האבן זיך באראטן די יונגטלעכע: נח פייזענבערג, שמואל וויעזשבא, פייוול סומקא, משה קולקא, ראזא ראבאטא א. א. אויך אין אנדערע שטובן זענען פארגעקומען געהיימע בא־ראטונגען, וואו ס'האבן אנטייל גענומען: יעקל אייזענמאן, נח זאבלודאוויטש. לוי פוקס, גאדל זילבער א. א. יעדער האט געברענגט זיינע פלענער. אבער צו קיין באשלוס איז מען נישט געקומען. די באדינגונגען אין טשעכאנאוו זענען געווען אזעלכע, וואס האבן נישט ערלויבט אויף קיין דירעקטן ווידערשטאנד. מ'האט געמוזט קוקן און פארבייסן די ליפן פון אויפרעגונג.

די יוגנט האט גענומען אנ'אקטיוון אנטייל אין דער אקציע פון געגנזייטיקער הילף, ווי ס'איז שוין דערמאנט געווארן. זיי זענען אויך געשטאנען אויף דער וואך און אויס־שפיאנירט די טאקטיק פון די שטאט־פירער און אויב ס'איז געווען א פארדאכט, אז מען גרייט זיך צו ליקווידירן וועמען פון די שטאט־איינוואוינער, זענען זיי באלד ארויסגע־שמוגלט געווארן פון שטאט.

מיט זייער הילף זענען אויך אריינגעשמוגלט געווארן יידן פון דער ניישטעטער געטא צוריק קיין טשעכאנאוו. ספעציעל האט זיך אויסגעצייכנט ביים אריבערפירן יידן נח זא־בלודאוויטש. ווייל זיין ארישער אויסזעהן האט אים דערמעגלעכט פריי זיך צו באוועגן אומעטום.

אבער די אלע ארבעטן האבן נישט באפרידיגט די נקמה דורשטיגע יוגנט און זי האט געטראכט און געבעטן עס זאל נאר קומען דער פאסיגער מאמענט און די געסטאפא לייט זאלן דערפיהלען וואס עס הייסט ווידער־שטאנד פון א שטאלצע יידישע יוגנט.

מיטן מאמענט, וואס די לאגע אין ניישטעטער געטא איז געווארן ערגער, האבן יידן אנגעהויבן אנטלויפן צוריק אין שטאט, די דייטשן האבן באלד געמאלדן, אז מ'וועט כאפן א צוריק געקומענעם פון געטא וועט ער גלייך דערשאסן ווערן און עס זענען טאקע דערשאסן געווארן ברוך סלודסק א יינגל פון 12 יאר און אברהם אלטס. די פאליציי האט זיך אויך דערוויסט, אז אהרן קירשנבוים מיט זיין טאכטער האבן זיך אומגעקעהרט פון געטא און באהאלטן זיך אויס ביי אהרן געלבארט. די געסטאפא איז באלד באפאלן דאס הויז און געפינען די אנטלאפענע. א חוץ די דערמאנטע האבן זיי אויך ארעסטירט געל־בארטן און בנימין קירשענבוים אלס סעקרעטאר פון דער קהלה, פארוואס ער האט נישט געמאלדן דער געסטאפא וועגן די אנטלאפענע.

אין דער זעלבער צייט איז אויך ארעסטירט געווארן אליהו לינדנבערג, ישעיה פראַגערס זוהן, וועלכער איז געווארן באשולדיגט אין סאבאטאזש. דערמיט וואס ער האט ביי דער ארבעט גענומען א ווידלע אנשאט א גראבלע.

דורך א פלוצים׳דיקן איבערפאל האבן זיי געפונען פינף יידן, וועלכע זענען נישט ארויס צו זייער ארבעט. זיי זענען גלייך ארעסטירט געווארן. דאס זענען געווען: דוד מלאצקער, טייבלום, גאלארזער, סאדעק און רומיאנעק.

ס׳זענען אויך ארעסטירט געווארן נח זאבלודאָוויטש און שרה אלטוס, באשולדיקט אין שטעהן אין קאנטאקט מיטן שונא, נישט באגריסן די נאָרדישע ראסע און הערן געהיימע ראדיא.

ספעציעל האט געטראפן די יידישע באפעלקערונג דער ארעסט פון נח זאבלודאָוויטש. ער איז געווען דער איינציקער, וועלכער האט זיך פריי באוועגט אין דער גאנצער סביבה ארום טשעכאנאָוו און דורך אים איז איינגעהאלטן געווארן דער קאנטאקט מיט דער דרויסנדיקער וועלט, ווי נאווידוואר, מלאווא, ניישטאט א. א.

די שטימונג אין שטאט, נאך די ארעסטן, איז געווען זעהר א געדריקטע. יידן האבן פארלוירן די האפענונג צו קענען האבן קאנטאקט מיט זייערע נאענטע אין געטא, ווי דאס פלעגט טון נח זאבלודאָוויטש. מ׳האט אבער אין דעם באלד פארגעסן, ווייל ס׳האבן זיך אנערוקט גרעסערע צרות מיט פיל מעהר בארבאריזם. מארדן און תליות איז געווארן א טעגלעכע דערשיינונג און ס׳האבן זיך אנגעהויבן די ארגאניזירטע עקזעקוציעס.

# די עקזעקוציעס

נאָך פאַר דער אויסזידלונג קיין ניישטאָט, האָט די געסטאַפּאָ געכאַפּט אַלע פיזיש שוואַכע מענשן און זיי אוועגעשיקט. פאַר די קרובים האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי זוערן געשיקט אין אַ הייל־אַנשטאַלט, אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט מען זיי געבראַנגט אין אַ וואַלד בײַ אוּשציסלאָווע און דערשאָסן. דער אָפיציעלער מאָטיוו איז געווען, אַז זיי דאַרפן נישט לעבן, ווייל די דייטשן האָבן פון זיי קיין נוצן.

דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די רײַ אויף די אַרעסטירטע, וואָס זענען דערמאָנט געוואָרן אין פריערדיקן קאַפּיטל.

ס׳איז געווען אין אַ יוני טאָג פון יאָר 1942. אַ מעלדונג פון געסטאַפּאָ האָט גערופן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג צו שטעלן זיך אויפן שלאָס־פּלאַץ.

מ׳קען זיך פאָרשטעלן די געדריקטע שטימונג פון די יידן ווען זיי האָבן דערזעהן אויפן פּלאַץ תליות. באַלד זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פינף יידן געשמידט אין קייטן. דער געסטאַפּאָ־מאַן האָט פאָרגעלייענט דעם אורטייל, אַז די יידן האָבן נישט פּינקטלעך אויסגע־פירט די באַפעלן און זיי זענען דעריבער פאַר׳משפּט געוואָרן צו הענגען. דער אורטייל איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש דורך בן־ציון ערליך.

אַזוי זענען דאַן געהאָנגען געוואָרן דוד מלאַצקער, סאַדעק, טייבלום, נאַלאַדושער און רומיאַנעק. אַלע אָנגעזעענע מענשן פון שטאָט.

אין יולי זענען די עקזעקוציעס פאָרגעזעצט געוואָרן. עס זענען געהאָנגען געוואָרן נאָך פינף יידן אין די פּערזאָנען: בנימין קירשענבוים, אהרן קירשענבוים, זיין טאָכטער רחל און אליהו לינדענבערג. בײַ אהרן געלבאַרט האָט זיך בײַ דער עקזעקוציע די שטריק איבערגעריסן. לויט אַ אונטערנאַציאָנאַל געזעץ ווערט אַזאַ פאַל באַגנעדיגט, אָבער פאַר די בעסטיעס איז נישט פאַרהאַן קיין געזעצן, זיי האָבן אים נאָכאַמאָל אויפגעהאָנגען.

איך וויל אויך פאַרצייכנען אַ העלדישן טאַט פון דריי יידן, וועלכע האָבן אויך געפינען זייער טויט אויף דער תליה. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז די ערשטע אַרבעט פון די דייטשן אין משעכאָנאָוו איז געווען דאָס פאַרניכטן דאָס יידישע קוואַרטאַל און דערנאָך אויך דאָס אַלטע היסטאָרישע בית־הקברות.

ר׳ ישראל יעקב סטודענט, ר׳ אברהם פרידמאַן און בעריש קלעניץ האָבן דאַן איינגעשטעלט זייער לעבן. זיי זענען געווען באַקאַנט מיט זייער מסירת נפש ווען ס׳האָט געדאַרפט ברענגען צו קבר־ישראל אַ מת־מצוה. זיי זענען געווען די פירער פון דער באַרים־טער חברא־קדישא. וועלכע איז געווען געאַכטעט דורך אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

ווען די דייטשן האָבן חרוב געמאַכט דאָס בית־הקברות האָבן זיי זיך אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט אַרויסגעגנב׳עט און אַרויסגענומען פון קבר דעם גוף פון

הייליקן ר׳ אברהם׳לע טשעבאנאווער און אים קובר געווען אויפן נייעם בית־הקברות. מ׳האט אויך געפינען פיל ספרי תורות געשענדעטע דורך די נאצעס און מ׳האט זיי גע־וואלט אויסבאהאלטן פון די דייטשן, וועלכע האבן באנוצט דעם פארמעט צו אינדוסטרי־צוועקן. די דערמאנטע דריי יידן האבן אויך די ספרי תורות ארויסגעשמוגלט און זיי קובר געווען אויפן נייעם בית־הקברות.

די דייטשן האבן זיך דערוויסט דערוועגן און די דריי יידן ארעסטירט. די שטאט איז געווארן זעהר באאומרוהיגט איבער זייער גורל און געפרווט אויף אלע וועגן זיי צו ראטעווען פון דער תליה. ס׳איז אבער נישט געווען אזא כח, וואס זאל קענען ווייך מאכן די שטיינערנע הערצער פון די היטלערישע רוצחים און אין א געוויסן טאג איז ווידער אלארמירט געווארן די גאנצע יידישע באפעלקערונג צו שטעלן זיך אויפן שלאט־פלאץ, דאס בלוט איז פארגליווערט געווארן אין די אדערן, ווען זיי האבן דערזעהן די צוגעגרייטע תליות.

אין דעם טאג זענען אויפגעהאנגען געווארן די גרויסע יידישע מארטירער ר׳ אברהם פרידמאן און ר׳ בעריש קלעניץ הי״ד. דאס אויפהענגען פון ר׳ בעריש קלעניץ איז געווען בעזונדער טראגיש...

ר׳ ישראל יעקב סטודענט האט געהאט מזל און איז מיט א טאג פריער געשטארבן פון א הארץ־אטאק אין תפיסה. ער איז נקבר געווארן אין איין קבר מיט די ספרי תורות. אין זיין לויה האבן זיך באטייליגט בלויז פיר מענשן: מאיר קלעניץ, יצחק לייב קלעניץ, אברהם פאזנאנסקי און נח זאבלודאוויטש.

זאלן זייערע מעשים און מסירת־נפש זיין א מוסטער פאר די קומענדיקע דורות.

צעבראכענע און פול מיט יאוש האבן זיך די טשעכאנאווער יידן אומגעקעהרט אין זייערע היימען און מיט קלאפענדיקע הערצער געווארט אויף די ווייטערע געשעהענישן.

אין אויגוסט איז באשטימט געווארן צו הענגען נח זאבלודאוויטש, שרה אלטום און אליהו כהן. די פוילישע באפעלקערונג און די פאלקס־דייטשן האבן שוין אפילו געהאט באצאלט פאר איינטריטס־קארטן, צו זעהן דעם ספעקטאקל, ווי יידן ווערן געהאנגען. נור זיי האבן זיך ענטוישט. ס׳האט זיך געענדיקט בלויז מיט א קאנטראל איבער דער יידישער באפעלקערונג.

דער גורל פון די ארעסטירטע האט זיך געטיילט. אין אנהויב האט מען זיי אוועק געשיקט אין א ארבעטס־לאגער אין סונסק, צעהן קילאמעטער פון טשעכאנאוו, אין א זונטאג, ווען מ׳האט נישט געארבעט, האט מען ארויסגערופן נח זאבלודאוויטש ער זאל צורעכט מאכן אנ׳אויטא פון דער געסטאפא. אין דער זעלבער צייט זענען די אנדערע צוויי דערשאסן געווארן.

א דאנק דעם צופאל און נאך גרויסע פראטעקציע פון זיין ברודער פנחס ביי דער פרוי פון געסטאפא־פירער איז געלונגען צו באפרייען נח זאבלודאוויטש. ער איז דער איינ־ציקער פון אלע ארעסטירטע, וועלכער איז געבליבן ביים לעבן.

# די אפשטאמונג פון ראזא ראבאטא

ראזא ראבאטא איז געבוירן אין טשעכאנאוו ביי בעלהביתישע עלטערן. וועמענס פאמיליעס ס׳האבן געוואוינט פון דורות אין טשעכאנאוו. ראזא׳ס פאטער האט געהאט אנ׳אייזן־געשעפט און האט מיט שוועריקייטן ארויסגעשלעפט פרנסה, דריי געראטענע קינדער זענען זיי געווען און די עלטערן האבן זיך געצירט אין זיי. א עלטערע שוועסטער און א יינגערער ברודער. ראזא האט אסך געליטן אין איר קינדהייט, צוליב דער קראנק־הייט פון איר געליבטן ברודער. ווען זי איז געווארן זיבן יאר איז זי אריין אין דער פאלקס־שול און געענדיגט די שול מיט א אויסצייכנונג.

ראזא איז געווען זעהר באליבט ביי אירע שול חברים צוליב איר גוטקייט, איבער־געגעבנקייט און אמת׳ע טריישאפט, וואס זי האט ארויסגעוויזן צו אירע פריינט. זייענדיק אין דער זעקסטער קלאס איז זי, צוזאמען מיט א גרופע שילער אירע נאנטסטע פריינט: הענע גרינבוים, סאלא גורנא, חיה מונדזאק, לאלא קירש, רוכטשע קירשנצווייג, מלך זילבערשטיין, משה שלעזינגער, נח אייזענבערג, שעפסל נאלק און שמואל וויעזשבא אריינ־געטרעטן אין די רייען פון „השומר הצעיר". די גרופע איז געווען ארגאניזירט אין א ספעציעלע קבוצה. אין דער צייט פון די דייטשע אינוואזיע האבן זיי אסך געטון צו לינ־דערן די נויטן פון די יידן מיט וואס ס׳איז נור מעגלעך געווען.

ענדיגנדיק די שולע פארנעמט ראזא ראבאטא שוין אנ׳אנגעזעהן ארט אין געזעל־שאפטלעכן לעבן פון דער יוגנט־ארגאניזאציע „השומר הצעיר". ראזא מאכט מיט דאס גאנצע ארגאניזאציאנעלע לעבן. א סך פון אירע חברים זענען אוועק אין די קבוצים זיך צוגרייטן צו הגשמה. אויך ראזא וואלט מיט אוננגעדולד איר אידעאישן חלום צו פארווירק־לעכן, נור צוליב שווערקייטן ביי זיי אין שטוב מוז זי דעם באשלוס צייטווייליג אפלעגן. איר מהות איז געווען מענשן־ליבע צוזאמען מיט עקשנות צו פארווירקלעכן אירע באשלוסן אין לעבן. דער שטריך האט איר באגלייט ביז דער תליה. זי האט מיט איר לעבן פיל כבוד פארשאפן דעם יידישן קבוץ אין טשעכאנאוו.

זי האט געלעבט די גאנצע צייט מיטן געדאנק און געשטרעבט צו שאפן עפעס גרויסעס און ערהאבענעס פארן יידישן פאלק. זי האט געוויסט, אז דאס איז מעגליך נור אין ארץ־ישראל. אהין האט זי געצויגן, כדי צו פארווירקלעכן איר אידעאל.

די גרויזאמע מלחמה, וועלכע איז צווישנצייט אויסגעבראכן, האט צונישט געמאכט אירע פלענער און אויפגעוועקט זי אין מיטן פון אירע שענסטע חלומות און די צארטע און איידעלע ראזא איז פארוואנדלט געווארן אין א מוטיקע און עקשנות׳דיגע קעמפערין פארן כבוד פון יידישן פאלק, וואס האט זיך דאן געפונען אין די נעגל פון דער נאַ־צישער חיה.

דורך איר קאמף געגן דעם בלוטיקן יידישן שונא. איז ראזא ראבאטא אריין אין דער געשיכטע פון די יידישע קעמפער פאר צדק און יושר.

# די יוגנט־ארגאניזאציע „השומר הצעיר"

מעהר ווי אלע יוגנט־ארגאניזאציעס אין טשענסטאכאוו האט זיך אין פרידנס־צייט אויסגעצייכנט „השומר הצעיר". ארום זיי האט זיך גרופירט א גרויסע טייל יוגנט פון אלע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג.

זייערע עפענטלעכע ארויסטריטן האבן תמיד געמאכט א געהעריגן רושם. ל״ג בעומר און כ׳ תמוז, הרצלס יארצייט, ווען ס׳האט מארשירט יעדע קבוצה מיט איר פאן, האט זיך אויסגעדאכט ווי די שבטים מארשירן אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, יעדער מיט זיין פאן און זיין פארב.

זייערע ארויסטריטן האבן געפלאנצט בטחון אין די הערצער פון די פארחושכטע יידישע מאסן, מ׳האט געזעהן א ניי יידיש דור, וועלכער וויל מאכן א סוף מיטן גלות און שאפן א ניי לעבן אין אונזער היימלאנד. זייער חינוך־פראגראם איז געווען לעבן אין א קבוצה אין ישראל.

זיי האבן זיך באמיט אויסצוווארצלען די עגאאיסטישע געפיהלען פון זייערע חברים און זיי האבן זיי צוגעוואוינט צו א קאלעקטיוו לעבן. אין זייער שפראך האט זיך דאס גערופן: הגשמה.

צווישן די פירער פון „השומר הצעיר" זענען די ברידער פון ראזא ראבאטא׳ס מוטער. די ברידער טראמבקי זענען געשטאנען אין שפיץ פון דער באוועגונג ביז זייער עולה זיין קיין ישראל. דאס האט אויך מיטגעווירקט, אז ביי ראזא ראבאטא אין שטוב איז מען געווען אדורכגעדרונגען מיט דער דאזיגער אידעע.

דערציענדיק זיך מיטן באוואוסטזיין פון צו זיין אין דער נאנטער צוקונפט פרייע בירגער פון א פרייער יידישער מדינה, איז ביי זיי ממילא ענטוויקלט געווארן דער שטאלץ צו זיין א ייד.

דאריבער טאקע איז די געשיכטע פון דער ווידערשטאנדס־באוועגונג אין די פארשי־דענע געטאס און לאגערן אזוי רייך אין נעמען פון חלוצים און שומרים, וועלכע זענען אומעטום געשטאנען אין שפיץ פון די קעמפער פאר יידישער פרייהייט.

אויך דער „השומר הצעיר" אין טשענסטאכאוו האט דערצויגן אויף זיין שוים א העל־דישע קעמפערין פארן יידישן כבוד, ראזא ראבאטא.

אירע חברים פון דער באוועגונג האבן אויך פיל מיטגעהאלפן די קעמפער געגן די

נאַצים אין אוישוויץ. און די, וועלכע האָבן זיך על פּי נס געראַטעוועט זענען איצט מגשים די אידעען, וועלכע ראָזאַ ראַבאַטאַ האָט אויסגעחלומ'ט. אַ טייל פון זיי האָט דער „השומר־הצעיר" אין טשעכאַנאָוו געשיקט קיין ארץ־ישראל אויף הגשמה. אויב ס'געפינען זיך וואו עס איז חברים, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער באַוועגונג אין טשעכאַנאָוו און ערצויגען די העלדישע ראָזאַ ראַבאַטאַ, קענען שטאָלץ זיין, אַז זייער ערציאונג האָט מיטגעווירקט צו די גרויסע מעשים פון ראָזאַ ראַבאַטאַ, כדי ווירדיג צו פאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד.

# די ארבעט פון ראזא ראבאטא אין געטא

באלד נאכן פארנעמען טשעכאנאוו דורך די דייטשן, ווען זיי האבן חרוב געמאכט דאס יידישע קווארטל, איז אויך זייער הויז חרוב געווארן. די פאמיליע ראבאטא איז דאן אריבער וואוינען צו זייער מוטערס עלטערן, די באוואוסטע פאמיליע טראמבקי, אין דער אפטייק־גאס. ראזא און שרה ראבאטא האבן געארבעט ביים רייניקן די שטובן, וואו עס איז אמאל געווען די סטאראסטווא. דער געוועזענער סטרוזש איז געווען זייער בעל הבית. ער האט געוואלט פיהלן דעם טעם פון צוזיין א הערשער. האט ער אויף א סאדיסטישן אופן געפייניקט די צוויי נאך יינגע קינדער. מיט פארביסענע ליפן פון צארן האבן זיי געארבעט און געווארט אויף א פאסיקע געלעגנהייט נקמה צו נעמען אין זייער באליידי־קער. נאך דער ארבעט האט זיך ראזא באטייליקט אין פארשידענע באראטונגען פון דער יוגנט וועגן גרייטן א ווידערשטאנד. אלע פארשלאגן, וואס זי האט געהערט, האבן זי נישט באפרידיגט. זי האט געוואלט עפעס גרויסעס.

– עם דארף עפעס ווערן אונטערנענומען, אז אונזערע שונאים זאלן עס דערפיהלן; אז אויך אין בערלין זאל מען דערפון הערן. דער יידישער כבוד איז נישט הפקר. אויב ס'איז אונז אויפגעלעגט צו שטארבן, איז לכל הפחות אין קאמף.

דאס זענען געווען די שטענדיקע טענות פון ראזא ראבאטא אויף אלע באראטונגען.

די באדינגונגען אין טשעכאנאוו זענען נישט געווען פאסיג דערצו צו קענען רעאלי־זירן אירע פלענער. איז זי שטענדיק ארומגעגאנגען א אויפגערעגטע, וואס זי קען נישט אויסארבעטן א פאסיקן פלאן פאר אנ'ארגאניזירטן ווידערשטאנד.

נישט איינמאל האט געטראפן, אז ווען זי האט געזעהן ווי געסטאפא שענדעט דעם יידישן כבוד, האט זי זיך געוואלטווארפן אויף די נאצישע חיות און זי דערשטיקן. אבער זי האט זיך באלד באהערשט, ווייל זי האט פארשטאנען, אז אנ'איינצעלנער פאל קען נישט געבן די רעזולטאטן, וועגן וועלכע זי האט גע'חלומט. זי האט ווידער געווארט אויף א פאסיגע צייט.

אזוי האט ראזא געלעבט אין שפאנונג ביז דער לעצטער אויסזידלונג קיין אוישוויץ. און ווען זי האט געזעהן דעם טויטן־מארש פון די טויזנטער יידן האט זי באשלאסן מעהר נישט אפצולעגן.

– מיט מיין קערפער וועל איך פארטיידיקן דעם יידישן כבוד. און ווען איך וועל פאלן א קרבן׳ וועלן אפשר אנדערע זיך פון מיר לערנען און עס וועט אויפשטעהן די יידישע יוגנט פון איר פארגליווערונג און געבן דעם אנטגילטיקן קלאפ די היטלער־חיה.

# די אויסזידלונג

דער פינפטער נאוועמבער 1942 איז געווען דער לעצטער טאג פון דער יידישער קהלה אין טשעכאַנאָוו. א מוראדיקער באפעל איז אנגעקומען אין דער קהלה, אז אלע יידן מוזן זיך צונויפזאַמלען אויפ'ן פלאַץ ביים נייעם באַן־וועג. זיי מעגן מיטנעמען מיט זיך האַנט־געפעק און עסן אויף צוויי טעג. מיט צעבראָכענע הערצער און פארצווייפלטע בליקן האָבן זיך אלע יידן מענער, פרויען און קינדער געשטעלט אויפן באשטימטן פלאַץ. די געסטאַפּאָ האָט אויסגעשטעלט אלע אין רייען און באפוילן אפצוגעבן אלע ווערט־זאַכן און געלט. יעדער מעג זיך איבערלאָזן נישט מער ווי צען מארק.

— ביי וועמען מ'וועט עפּעס געפונען וועט גלייך דערשאָסן ווערן — האָט געקלונגען די שטרענגע שטים פון געסטאַפּאָ אפיציר פון דאָס בלוט איז ביי אַלעמען פארגליווערט געוואָרן.

שלום לוביניעצקי איז טאקע באַלד פאַר דעם חטא דערשאָסן געוואָרן.

פאַר דעם ארויסמארש האָט אַ געסטאַפּאָ־מאַן ארויסגעריסן פון דער מוטער'ס הענט דאָס קינד פון אורקע גוסטשעווא און עס געטויטעט ביים צוים פון פלאַץ.

צוויי טראַנספּארטן איינער פון 2 טויזנט נפשות און איינער פון פינפצענהונדערט נפשות זענען צושיקט געוואָרן אין פארשידענע ריכטונגען. אבער ביידע האָבן געהאַט דעם זעלבן סוף. דער ערשטער איז געשיקט געוואָרן אין אַ אומבאַקאַנטער ריכטונג און דער צווייטער אין מלאווער געטאָ.

נאָך צוויי טעג פאָהרן אין געשטאָפּטע וואַגאָנען זענען די יידן אָנגעקומען אין אַ אומבאַקאַנט אָרט. שפּעטער זענען זיי געוואָר געוואָרן, אַז דאָס איז אוישוויץ.

ס'איז געווען שבת ביינאַכט דעם 7־טן נאוועמבער. זעלנער האָבן ארומגערינגלט דעם אָנגעקומענעם צוג און באַלד האָט זיך דערהערט דאָס ווילדע געשריי פון געסטאַפּאָ:

— אויסשטייגן, פּאַקעטע אוועקשמייסן! פרויען לינקס, מענער רעכטס!

הארצרייסנדע געוויינען און יללות פון צוריסענע פאַמיליעס האָט זיך געטראָגן אין דער לופט. א שרעקלעכער יאָמער פון מענשן, וואָס זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין כף־הקלע פון גהנום און דערזעהן זיך ביים ראַנד פון טראַגישער אונטערגאַנג.

דער ד"ר באַראַן (מיר האָבן אים שוין דערמאָנט לשבת) צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע האָבן אויסגעטרונקען א דאָזע סם און זענען געבליבן טויט.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן די סעלעקציע. אַ לייכטע באַוועגונג מיטן פינגער אויף רעכטס האָט געהייסן — לעבן, אויף לינקס — גאַז־קאַמער.

אזוי האָט דער געסטאַפּאָ־מערדער קאַלטבלוטיג דעצידירט דעם גורל און טויזנטער מענשן געשיקט צום טויט.

פון די צוויי טויזנט מענשן, וואָס זענען געווען אין לאַגער, זענען בערך פינפהונדערט געבליבן לעבן. די איבריקע האָט מען גלייך אוועקגעשיקט אין די גאַז־קאַמערן.

אין זעלבן אוונט האט מען בײַ אלע צוגענומען אלץ וואס זיי האבן געהאט, אפילו קליידער און באקומען אנצוטון שמאטעס. אין די נײַע מלבושים האט מען זיי אריינגעפירט אין א בלאק פון פינף אויף א פרימיטיווע האבן זיי איבערגענעכטיגט די ערשטע נאכט. שפילע געווײנען האבן פון צײַט צו צײַט איבערגעריסן די יאוישדיקע שטילקייט, וואס האט געהערשט אין בלאק, אין ווינקעלע פון גהנום.

אינדערפרי האט מען אלע אויסגעשטעלט אין רייען און אנגעזאגט, אז דער ציל פון אהערברענגען איז צו פארניכטן, דאס איז געווען א טרויעריקער אמת. שוין נאך דריי טעג זענען געפאלן די ערשטע קרבנות פון טשעכאנאווער טראנספארט. דער לויף־נומער פון טראנספארט איז געווען 73000.

אין א קורצע צײַט ארום האט מען ארויסגענומען פון טראנספארט אלע פאכמענער און זיי ארויסגעשיקט אין הויפט־לאגער פון אוישוויץ.

אפטמאל פלעגן די מענער אויפן וועג צו דער ארבעט טרעפן די טשעכאנאווער פרויען. זיי האבן געארבעט אין א ספעציעלן לאגער אונטער דער אויפזיכט פון ס. ס.־פרויען מיט הינט. זייער לאגע איז געווען נאך א שווערערע. די סאניטארע באדינגונגען זענען געווען אונטערטרעגלעך. די באציאונג פון די פרויען ס. ס. איז געווען נאך פיל בארבארישער ווי בײַ די מענער.

דאן איז געקומען דער שרעקלעכער סוף. שבת חנוכה, זעקס וואכן נאך זייער אנקומען אין לאגער האט מען כמעט אלע פרויען אוועק געפירט אין גאז־קאמער. בלויז איינצעלנע פרויען זענען על פי נס געבליבן לעבן.

אזוי איז אדורך דער ערשטער ווינטער אין אוישוויץ. די יידן זענען געווארן אלץ מער אפאטיש צו אלע פראבלעמען פון לעבן. די אויגן האבן גור תמיד געזעהן טויט און פארניכטונג. עס איז בײַ יעדן קלאר געווען, אז פון דא וועט ער לעבעדיק קיינמאל נישט ארויס. דאריבער איז געבוירן געווארן דער געדאנק וועגן נקמה־אקט דא אויפן ארט. דער געדאנק האט באהערשט אלע יונגטלעכע און ספעציעל די יוגנט פון טשעכאנאוו און מיט א אויסגערעכנטן פלאן זענען זיי צוגעטרעטן אדורכצופירן די נקמה־אקציע.

## די מוסטער־האלטונג פון די טשעכאנאווער אין אוישוויץ

ווען ס׳איז אוועק דער ערשטער ווינטער, איז אויף דער איניציאטיוו פון משה קולקא, נח זאבלודאוויטש, גאדל זילבער און מאטל בערגזאן ארגאניזירט געווארן א ברויט־אקציע פאר די טשעכאנאווער, וועלכע האבן זיך געפינען אין א שוואכן צושטאנד. א טייל פון די יוגנט פלעגט געלונגען זיך ארײַנצובאקומען אין די ווארשטאטן. דארט האבן זיי געטראפן

ציוויל־ארבעטער ביי וועמען זיי פלעגן באקומען צומאל עפעס צו עסן און אויך דערציילט נייעס פון דער דרויסנדיקער וועלט. דארט איז אויך געווען די ערשטע באגעגעניש מיט מאטל בערגזאן, וועלכער איז געוואָרן איבערגעשיקט פון זאקסענהויזען קיין אוישוויץ. מען קען זיך פאָרשטעלן די פרייד ווען מיטרעפט א טשעכאנאָווער, נאך א לאנגע צייט לעבן פאראייינזאמט. ער האט געאַרבעט אין א ברויט־מאגאזין און א דאנק אים איז טאקע געלונגען אדורכצופירן די ברויט־אקציע. זיי האבן באשטייערט יעדן, וואס זיי האבן פארשטאנען, אז ער האט די מעגלעכקייט אפצושפארן פון זיין ברויט פאר א הונגעריקן.

די טשעכאנאָווער האבן אויפגענומען די אקציע מיט פארשטענדניש און זיך געטיילט מיטן ביסן מיט זיין חבר. אין אנהויב איז די ברויט־אקציע געווען באשטימט בלויז פאר טשעכאנאָווער, שפעטער איז זי אויסגעברייטערט געוואָרן אויך פאר אנדערע יידן. דער הויפט־צושטעלער פון ברויט איז געווען מאטל בערגזאן און פארטיילט דאס ברויט האט משה קולקא. ער האט געארבעט אין דער וועשעריי איז אים אנגעקומען לייכטער דאס באוועגן זיך אין די לאגערן אפילו אין די נאכט־שעה׳ן.

די סאָלידאריטעט און הילפס־גרייטקייט פון דער טשעכאנאָווער גרופע אין אוישוויץ האט ארויסגערופן פיל אויפמערקזאמקייט און באוואונדערונג ביי אלע יידן און א דאנק דעם האבן זיי באקומען דעם צוטרוי פון אלע אינטערנירטע.

אזוי האבן די טשעכאנאָווער ווידעראמאל ארויסגעוויזן אפערוויליגקייט איינער פארן צווייטן אין די שווערסטע מאמענטן פון זייער לעבן.

## די אונטערגרונד־באוועגונג אין אוישוויץ

אין אוישוויץ איז געפירט געוואָרן א ברייטפארצווייגטע אונטערגרונד־ארבעט. עס האבן צו איר געהערט יידן און קריסטן פון דער וועלט, וועלכע האבן זיך געפונען אויפן טרערן־אינזל אוישוויץ.

נאכדעם ווי אונזער גרופע איז געוואָרן אנערקענט דורך די אונטערגרונד, אלס גוט־ארגאניזירטע, וועלכע איז אויך גרייט צו אפערוויליגע מעשים, האבן זיך פארשטעהער פון אונטערגרונד געשטעלט אין פארבינדונג מיט אונזער גרופע און פארגעשלאגן אויסצונוצן די טשעכאנאָווער יוגנט פאר אומלעגאלער ארבעט.

צו דער אונטערגרונד האט אויך געהערט די פוילישע א. ק. אויך דארט האבן זי ארויסגעוויזן זייער אנטיסעמיטיזם און געפאָדערט צו באזייטיקן די יידן פון דער אומלעגאלער ארבעט. אבער די פירער פון דער אונטערגרונד האבן דאס אפגעוואָרפן.

אונזער פארבינדער איז געווען א געוויסער ברונא, א דייטשער ייד, וועלכער איז געווען שוין א לענגערע צייט פארשיקט אלס פאליטישער פארברעכער.

די ערשטע גרופע איז באשטאנען פון דריי פערזאן: משה קולקא, נח זאבלודאָוויטש און מאָטל בײלאָוויטש. אהרן געלבארטס איידעם. די אויפגאבן זענען געווען: משה קולקא האָט געדאַרפט ברענגען ידיעות, אָבסערוואציעס און אָנהאלטן דעם קאָנטאקט אין לאגער גופא. נח זאבלודאָוויטש האָט געדאַרפט שאַפן קאָנטאקט מיט אנדערע מענער און פרויען־לאגערן. מאָטל בײלאָוויטש האָט געדאַרפט אָרגאניזירן די ארבעטער פון די נאכט־שיכטן אין די טישלעריי־ווארשטאטן (ד. א.ו ז.).

זעהר פיל האָט געלייסטעט פאַר דער אונטערגרונט גאָדל שוסטער. אלס שלאָסער האָט ער געקענט שטעהן אין קאָנטאקט מיט דער אויסערלעכער אונטערגרונט־באוועגונג.

נח זאבלודאָוויטש האָט זיך פארבינדן מיט די פרויען. וואס האָבן געארבעט אין דער דערנעבנדיקער אמוניציע־פאבריק. ער האָט אָרגאניזירט א גרופע מיידלעך, וואס האָבן געדאַרפט זאמלען אויפרייס־מאטעריאל און עס איבערפירן אויף א זיכער אָרט, כדי עס צו באנוצן אין באשטימטן טערמין. אין שפיץ פון דער גרופע איז געשטאנען ראָזא ראָבאָטא. זי האָט איר אויפגאבע אויסגעפירט מיט גרויס איבערגעגעבנהייט. זי האָט דאָס אויפרייס־מאטעריאל געהאלטן די גאנצע צייט ביי זיך, איינשטעלנדיק איר לעבן. אירע אויגן האָבן געברענט פון נקמה, ווען עס איז איר געלונגען צו טוען עפעס ממשות׳דיגעס קעגן דעם שונא. זי האָט אויך געשאַפן ברויט פאַר די הונגעריקע פרויען.

אזוי האָט זי זיך שטארק באליבט געמאכט אין אלע פרויען־לאגערן און צו איר דינסט האָבן זיך געשטעלט צענדליקער מיידלעך, וועלכע האָבן רעגולער צוגעשטעלט אויפרייס־מאטעריאל. פאראנטוואָרטלעך פאַר דער אמוניציע איז געווען נח זאבלודאָוויטש. יעדן אָוונט איז דאָס מאטעריאל געוואָרן ארויסגעפירט דורך דער זאָנדער־קאָמאנדע צום קרעמאטאָריום. דאָרט איז געווען דער זיכערסטער פלאַץ צו באהאלטן דאָס געווער.

במשך א יאָר צייט איז געזאמלט געוואָרן אויפרייס־מאטעריאל, טראָץ דער שטרענגער אויפזיכט פון די נאצישע בעסטיעס און עס איז זיי קיינמאָל נישט געלונגען צו כאַפן ביי דער אַרבעט.

אזוי האָבן זיך געגרייט די רעשטלעך, באשטימטע פאַר די גאז־אויוונס, נקמה צו נעמען אין זייערע מערדער. דער געדאַנק פון נקמה האָט באהערשט אלע קרבנות און די לעצטע מאָמענטן זענען געווען גליקלעכע פאַר זיי, ווען זיי האָבן געטרוימט, אז געסטאַ־פאָווצעס וועלן פאלן דורך זייערע הענט. דאָס איז געווען א נקמה־זיסער טרוים און אלע האָבן זיך פיבערהאפט געגרייט צום גרויסן מאָמענט. מ׳האָט דאָן פארגעסן אין הונגער און קעלט. דער גרויסער ציל האָט אָנגעפילט אלץ מיט לעבן. דער עיקר איז געווען צופרידן ראָזא ראָבאָטא. זי האָט געהאט צו דערפילן די הויפט־אויפגאבע. יעדעס שטיקל דינאמיט איז ביי איר געווען טייער ווי א בריליאנט. מיט צערטלעכקייט האָט זי געגלעט יעדעס שטיקל אויפרייס־מאַטעריאל און אָפטמאָל אויסגערופן:

— טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברידער, פריינט, מיינע טייערע טשעכאָנאָווער יידן.

איך געה נקמה נעמען פאר שענדן אייער כבוד. אך, ווי זיס איז דאס געפיהל. א מאכטער פון באשפינגענעם פאלק געהט שלאגן די נארדישע ראסע, די שטאלצע דייטשן און אפשר וועלן מיר נאך אויך זיגן, אבער דאס איז נישט וויכטיק. אויב איך זועל נישט זיגן, וועלן קומען נאכפאלגער. דער עיקר איז די התחלה אנצוצינדן דעם ווילן צום קאמף ביי די יידישע מאסן. אונזער אויפרייס וועט אפקלינגען פון איין עק וועלט צום צווייטן און דער סוף פון דער היטלער־חיה וועט קומען.

זי האט באגייסטערט יעדן, וועמען זי האט געטראפן.

עס האט אויסגעזעהן לעגענדאריש. א שוואך און צארט יידיש מיידל דערקלערט עס קריג די מעכטיקע דייטשע ארמעע. זי האט זיך געשטעלט אין קאמף און ווען דער אויפ־רייס איז געקומען האט עס געקלינגען אין אירע אויערן ווי א הערלעכע מוזיק. וועמענס טענער ס׳האבן זי באגלייט ביז דער תליה.

# דער אויפשטאנד אין אוישוויץ

אין די מיטל־מאנאטן פון יאר 1944 האט די לייטונג פון אונטערגרונד באשלאסן צו מאכן אנ׳אויפשטאנד, וואס זאל ארומנעמען אלע לאגערן. זיי האבן זיך געריכט אויף הילף פון דרויסן דורך א. ק. דער אויפשטאנד איז באשטימט געווארן אויף א זונטאג אין חודש נאוועמבער 1944.

גרויסע האפענונג איז געלעגט געווארן אויף די זאנדער־קאמאנדע, וועלכע האט גע־ארבעט אין קרעמאטאריום.

בערך 600 מענשן, וועמען מ׳האט געצווינגען צו טוען די שמוציקע ארבעט פון פאר־ברענען די טויטע. זיי האבן זיך געריכט, אז ווען מ׳וועט זיי מעהר נישט דארפן, וועט מען אויך זיי „ליקווידירן". זיי האבן דעריבער באשלאסן צו קעמפן ביז צום לעצטן. קיין אנדער עצה האבן זיי נישט געהאט.

באלד איז געקומען דער באפל זיי אוועק צושיקן. נישט זעהענדיג פאר זיך קיין אויסוועג איז דורך זיי אויסגעבראכן דער אויפשטאנד.

מיט אונזער אויפרייס־מאטעריאלן איז אויפגעריסן געווארן איין קרעמאטאריום און די צווייטע איז פארברענט געווארן. דאס איז געווען א צייכן פאר די אנדערע צוויי קרעמא־טאריומ׳ס.

די אויפשטענדלער האבן זיך געווארפן אויף דער וואך, איבערגעריסן מיט גראנאטן די דראטן פון פרויען־לאגער און דער קאמף האט זיך צופלאקערט.

עס זענען געפאלן צענדליקער געסטאפאוועס דורך יידישע הענט. די יידן האבן זיך געשלאגן העלדיש. און די העפטלינגע זענען זיך צעלאפן איבער אלע וועגן.

די דייטשן האָבן מאָביליזירט 2000 ס. ס.־לייט אונטערצודריקן דעם אויפשטאַנד.

די אויפשטענדלער האָבן געוואַרט אויף הילף פון דרויסן, אָבער ס׳איז נישט גע־קומען. דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט די שטאַרק באַוואָפנטע ס. ס.־לייט צו באַהערשן די לאַגע און זיי האָבן די קעמפער צוריקגעברענגט אין לאַגער וועמען טויט און וועמען לעבעדיק.

די ס. ס.־לייט זענען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף דער יידישער חוצפה. ווען זיי האָבן געזען, אַז דאָס אייביקע פאַלק לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט ליקווידירן, מיט ווילדן סאַדיזם האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף דער שוצלאָזער אויסגעמאַטערטער יידישער יוגנט. זיי האָבן דוקא געוואָלט וויסן פון וועלכע קוועלן די יידן האָבן באַקומען דאָס אויפרייס־מאַטעריאַל. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דער ערשטער חשד איז געפאַלן אויף די פרויען, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די אַמוניציע־פאַבריקן און זיי האָבן געזוכט מיט אַלע מיטלען צו געפינען די הויפט־שולדיקע. זיי האָבן סאַדיסטיש געפייניגט יידישע מיידלעך. זיי זאָלן אויסגעבן די שולדיקע. ספּעציעל האָבן זיך העלדיש געהאַלטן צוויי וואַרשאַווער מיידלעך, וואָס האָבן נשיט געקוקט אויף די פּייניגונגען קיינעם נישט אויסגעגעבן.

## די ווייטערע אויספאָרשונג

איין מיידל האָט מעהר נישט געקענט אויסהאַלטן די פּייניגונגען און זי האָט דער־צעהלט, אַז אַ מיידל מיטן נאָמען האַלינאַ גערטנער וואָלט געקאָנט עפּעס דערצעהלען וועגן דעם. פון האַלינאַ גערטנער איז די געסטאַפּאָ געוואָר געוואָרן, אַז זי האָט אָפּגענומען דאָס אויפרייס־מאַטעריאַל און עס איבערגעגעבן ראָזאַ ראָבאָטאַ.

ראָזאַ ראָבאָטאַ האָט לכתחילה געלייקענט, אָבער נאָך אַ קאָנפראָנטאַציע מיטן מיידל, וואָס האָט זי אויסגעגעבן, האָט זי אַלץ גענומען אויף זיך, ערקלערנדיק, אַז דאָס האָט זי אַלץ געטון מיטן פולן באַוואוסטזיין, די איבריקע האָבן עס בלויז געטון, כדי צו פאַרדינען נאָך אַ שטיקל ברויט. די געסטאַפּאָ האָט זי לאַנגע וואָכן שרעקלעך געפּייניגט, אָבער ראָזאַ האָט זיך געהאַלטן העלדיש, נישט אויסגעבנדיק קיינעם.

מ׳האָט גלייך מיטגעטיילט וועגן דעם געשעהענעם די פירער פון אונטערגרונד, כדי אַנצוגעמען געהעריגע פאַרזיכטס־מיטלען, די אונטערגרונד האָט באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז זי צו באַזוכן אין תפיסה און הערן אַ גענויען באַריכט וועגן מצב. דאָס אדורכצופירן איז איבערגעגעבן געוואָרן נח זאַבלודאָוויטש, וועלכער האָט באַלד געמאַכט אַלע הכנות.

מיט דער הילף פון יידישן העלד יעקב קוולציק, וועלכער האָט אַנגעשכורט דעם ס. ס.־שומר פון בונקער, איז נח׳ן געלונגען אַריינצוקומען צו ראָזאַ ראָבאָטאַ.

# ראזא ראבאטא אין טויטן־קאמער

אין א פינצטערן בונקער איז ראזא נעזעסן א נאקעטע. איר קערפער איז געווען מערדערלעך צעשלאגן און בלוט האט גערינען פון אלע איהרע אברים. זי איז געווען פארטיפט אין מחשבות, נישט פילנדיק איהרע פיזישע יסורים. זי מאכט דעם חשבון מיט זיך. יעדער טאג פון איהרע 23 יאר לעבן געהט אדורך אין איר זכרון און זי זעהט פאר זיך בילדער פון איר גאנצער פארגאנגענהייט. איין געדאנק ענבערט איר מח.

איז עס כדאי געווען?

זי דערמאנט זיך דאס שטעטל, די עלטערן, די פריינט, די סביבת וואו זי האט גע־חלומ׳ט און זי זעהט ארום זיך ביינער. ביינער נאנטע, היימישע, ליבע. אבער נור ביינער אן הויט, אן אדערן, אן נשמה און א אומעט באפאלט זי.

– פאר וואס האב איך געקעמפט? צי איז טאקע די מענשן־פרעסער געלונגען צו פארטיליקן אונזער שעהן פאלק? צי וועט מקוים ווערן היטלער׳ס ווילן, אז א ייד וועט מען קענען זעהן נור אויף אנ׳אויסשטעלונג? אדער עס לעבט נאך ערגעץ־וואו א יידישע יוגנט און דארט ווייט ווי איך האב אמאל גע׳חלומ׳ט וועגן א נייע יידיש לעבן איז דאך נאך געוויס פארהאן א יוגנט, וואס מאכט נישט שלום מיטן געדאנק, אז מיר הערן, חלילה, אויף עקזיסטירן אלס פאלק.

זי זעהט, ווי אין חלום, א רעש, א טומל, די יוגנט פון ארץ־ישראל רייסט זיך צום קאמף. זי חלומ׳ט וועגן יידישע פליער, וועלכע וועלן באמבארדירן די דייטשע קריגס־באזעס און באפרייען די לעצטע עצמות היבשות. פלוצים דערמאנט זי זיך דאס פרעכטיגע קאפיטל אין תנ״ך ווי יחזקאל הנביא שטעלט פאר זיין שעהנע וויזיע און ווי פון חלום רייסט זי זיך: התחיינה העצמות האלה? און ווי א באלזאם ווירקט אויף איר צעבלוטיקטע נשמה דער ענטפער:

הנה אני מביא בכם רוח וחייתם ונתתי עליכם גידים והעליתי עליכם בשר וקרמתי עליכם עור ונתתי בכם רוח וחייתם.

אבער אויך דאס באפרידיגט זי נישט.

– מיר האבן געלעבט א סך דורות, פאר אלעמען געשאפן און אומעטום איז פול מיט יידישע קברים.

דאן דערהערט זי ווידער א גאטלעכן רוף:

– הנה אני פותח את קברותיכם והעליתי אתכם מקברותיכם עמי והבאתי אתכם אל אדמת ישראל.

דא ווערט איר פנים צעשטראלט פון גליק.

– מיין פאלק, דו וועסט אויפלעבן. נישטא קיין כח, וואס זאל דיך קענען אומברענ־גען. דו וועסט זיין אין דיין לאנד. עס זענען ווערט געווען מיינע ליידן, אבי מיין טייער פאלק, זאלסט ווייטער עקזיסטירן.

אזוי אריינגעטון אין איהרע מחשבות עפנט זיך דער בונקער און ס'איז אריינגעקומען נח זאבלודאוויטש.

נח קען זיך נישט באהערשן. ער ברעכט אויס אין א ספאזמאטיש געוויין. ראזא האט אים לכתחילה נישט דערקענט. זי האט ווי נישט פארשטאנען פון וואנען קומט דא יעצט געוויין. ווען זי זעהט איר פאלק אין אויפבלי. באלד האט זי זיך או־פגעוועקט. זי האט דערקענט און צו אים געזאגט:

— נח, עס איז נישט די צייט פון וויינען. איך באדויער נישט אויף מיינע מעשים. איך פארלאנג נור פון דיר, ווען דו וועסט זוכה זיין ארויסצוקומען א לעבעדיקער פון דעם גהנום, זאלסטו רופן די יידישע יוגנט צום קאמף און פאדערן נקמה פאר אונזער בלוט.

איך נעה מיט שמחה צו דער תליה, ווען איך וויים, אז דורך מיין הילף זענען געפאלן צענדליגער געסטאפאווצעס, איך פיהל, נח, אז דאס יידישע פאלק וועלן זיי נישט פארניכטן. צורייסט אלע בריקן פון גלות. געהט אויף אלע וועגן אין אונזער אויסגעבעקנט היימלאנד, שאפט א זעלבסטשטענדיג יידישע מלוכה. דאס וועט זיין די גרעסטע נקמה אין די נאצישע פאברעכער. זאג די חברים אז זיי מעגן זיין זיכער אז קיינער ווערט נישט מעהר אויסגענעבען. עס וועט זיי נישט געלונגען מיך צו צוברעכן, מיין נשמה וועט זיך באלד נע־זעגנען מיטן גוף. פארגעסט נישט מיין לעצטן ווילן: א שטארק יידיש פאלק אין זיין היימלאנד.

מיט טרערן אין די אויגן האט זיך נח זאבלודאוויטש געזעגנט מיט ראזא ראבאטא.

ווי א שטאלצע קעמפערין פאר פרייהייט איז ראזא ראבאטא געגאנגען צו דער תליה. די נאצישע חיות איז נישט געלונגען צו צוברעכן איר שטארקן גייסט. מיט א שמייכל אויף די ליפן און מיט שפאטישע בליקן צו די הענקערס האט זיך ראזא געזעגנט מיט איר יונג לעבן.

אינגאנצן עטלעכע וואכן פאר דער באפרייאונג האט ראזא פארלוירן איר לעבן. די רוסישע און אמעריקאנישע ארמעען האבן זיך דערנענטערט צו אושוויץ און די דייטשן זענען געווען געצוואונגען די יידן צו עוואקואירן. דעם 18 יאנואר 1945 האט מען אונז אוועקגעפירט פון אושוויץ אויפן וועג קיין מאטהויזן (עסטרייך) און אין אנדערע לאגערן. אומעטום זענען געווען די זעלבע צרות ביז די דייטשן האבן באקומען זייער טויט־קלאפ און מיר זענען באפריים געווארן.

נאך דער באפרייאונג האבן מיר זיך גענומען אויסצופירן ראזא'ס צוואה און איבער אלע שטערונגען עולה געווען קיין ישראל. דא האט מען אונז אויפגענומען מיט גרויס התלהבות און פרייד. מיר זענען אריינגעטרעטן אין דער יידישער ארמעע און געקעמפט צו באפרייען אונזער לאנד און ווערן א פאלק מיט פעלקער צוגלייך.

אין ישראל האט אונז אויפגענומען דער טשעכאנאווער הילפס־קאמיטעט. פיל פרייד האט אונז פארשאפן ווען מיר האבן געזעהן, אז אונזער געאכטעטער רב הרה"ג ר' חיים מרדכי ברוינרוים געפינט זיך צווישן אונז און ער שטעלט זיך אין שפיץ פון דער שארית־טשעכאנאוו. אונזער פרייד איז אבער געווען א קורצע. ער איז גיך פון אונז אוועקגעריסן געווארן און מיר זענען ווידער געבליבן פאריתומ'ט. ספעציעלע מיה און ווארעמקייט האט אונז ארויסגעוויזן די פארדינסטפולע עסקנית פרוי רבקה כהנא. מיר וועלן עס קיינמאל נישט פארגעסן.

אט אזוי האט זיך געענדיגט דאס טראגישע בלעטל געשיכטע, וואס הייסט: יידישע קהלה אין טשעכאנאוו.

משה פוקס

# א מאמע

צום אנדענק פון מיין מוטער פרימעט חיה פוקס הי״ד
אומגעבראכט אין טויטן־לאגער אוישוויץ

אכט קינדערלעך האט זי אויף דער וועלט געבראכט. אַ שווערן לעבנס־געראנגל האט זי מיטגעמאכט אלע אירע יארן. ווייניק רואיקע טעג האט זי פארמאגט אין לעבן. ביי יעדן איינעם פון די קינדערלעך א שווער געבוירט און א שווער דערציאונג. פרנסה קיינמאל נישט געווען בשפע. בשעת די קינדערלעך זענען נאך קליינטשיק ווערט דער מאן קראנק און די קרענק באגלייט אים ביזן קבר. זי טראגט אליין די שווערע לאסט פון זארגן און האדעוועט אויף קינדער פאר גאט און פאר לייטן. איר הארץ און נשמה שפינט זי אריין אין זייער דערציאונג און פארמירט טיפן לייטן מוסטער פון איר אידעאלער פאנטאזיע. אלס טראדיציאנעלע יידישע מאמע, וואס איז ארויסגעוואקסן פונעם פאלק פארמאגט זי אויך א סך פארשטענדניש פארן פאלקסטימלעכן און געזעלשאפטלעכן יידישן לעבן. אנגעזאפט מיט לעבנס־חכמה און פארשטאנד פאר פראקטישקייט געלונגט איר איינצואיינגען פאר אירע קינדער א סינטעזע הינוך פון תורה און דרך־ארץ. גאנצע טעג און שעה׳ן פארברענגט זי מיט די קינדער, דערציילנדיק זיי שעהנע מעשיות פון תורה און תנ״ך און לעבט פאר זיי אויף מיט מאלערישע בילדער די שעהנע געשטאלטן פונ׳ם עבר. איר שטוב איז תמיד א בית ועד לחכמים, וואו עס ווערן דיסקוטירט פראבלעמען און פראגן און תמיד איז איר מיינונג דעצידירנד אין אלע קאמפליצירטע ענינים. פארטיי־פירער און עסקנים בעראטן זיך מיט איר אין יעדן געזעלשאפטלעכן ענין און איר איבערגעגעבנקייט פאר אלע כלל־אינטערעסן איז א מוסטער פון ערלעכער און מיתפועלער עסקנות.

די קינדערלעך פיהלן זיך צו איר אויסערגעווענלעך צוגעבונדן. זי געווינט זייער פולן צוטרוי און זיי טיילן זיך מיט איר מיט אלע זייערע קינדישע חלומות און צוקונפטס אידעאלן. אין פארייאושטע טעג מוטיקט זי זיי און פאנצערט זייער ווילן און גלויבן. באהויכט מיט איידעלע און פאטריכאלישע זיטן און ידיעות גע׳ירש׳נט פון גרויסע דורות זיידעס און באבעס, שענקט זי די גאנצע ירושה פאר אירע שעפעלעך און קרעפטיגט זייער אידעען־וועג מיט לעבעדיקע משלים פון דער גרויסער פארגאנגענהייט. די קינדער האבן אין איר אַ געטרייען חבר און הארציקן פריינט, וואס פארשטייט די געפילן און אייגנארטיקייט פון יעדן איינעם באזונדער. באקאנט אין שטאט פאר א גרויסע און איבערגעגעבענע חובבת ציון. באמיט זיך ארויסצוראטעווען די קינדער פונ׳ם גלות און שיקן זיי אין לאנד פון טרוימען און צוקונפט. זייענדיק שוין אנ׳אלמנה מאכט זי התונה אלע קינדערלעך, וואס צופליען זיך ווי די טויבן אין אלע עקן פון דער וועלט און בלייבט אליין מיט איר יינגסטן זון. דאס יינגסטע קינד איז דאס ליבלינג פון דער משפחה. אין פנים איידל און צארט און אין גייסט רייך און פרוכטבאר. דאס הארץ איבערפילט מיט גוטסקייט און רחמים און תמיד גרייט צו העלפן יעדן נויטבאדערפטיקן. טראגט זיך ארום מיט מחשבות אויסצובעסערן די וועלט און פארגרינגערן דאס לעבן. בענקט נאך ארץ־ישראל און שטרעבט צו א קאלעקטיוו לעבן אין א רעליגיעזן קבוץ. ענליך צו דער מוטער ווי צוויי טראפן וואסער און צוגעבונדן צו מיט אלע פעדים און חושים. אט די צוויי איידעלע און פארבונדענע נשמות האבן געלעבט איינזאם און פשוט אין טשעכאנאוו בשעת דעם אויסברוך פון דער גרויליקער וועלט־מלחמה.

אין א קליין הייזל ליגן זיי פארשטופט בשעת די נאצישע בעסטיעס באזעצן דאס שטעטל. די מאמע וואס איז שוין געהארטעוועט געווארן אין פייער פון פיל נסיונות פילט די דראנגענדע סכנה און שטעלט זיך ווי א שטאלענע מויער אויף צו שיצן איר ארעמע נעסט און איר געליבט קינד. זי שפאצירט ווי א העלדן אין מיטן אלע געפארן, באזוכט טאג טעגלעך איר עלטערע טאכטער און שעפט נחת פון קינדישן געלעכטער פון אירע אייניקלעך. תמיד אריינקומענדיק באפאלן זי חברה׳ קליינוואַרג מיט פרייד און ליארם, אבער די באבעס הארץ בלוטיקט און זי שטיקט זיך אין טרערן. זי פילט פאראויס דאס אומגליק און ווייטיקט דעם ווייטיק פון פאלק. אין גענטא איז זי משפיע אויף איר יינגסטן זון זיך אריינצווארפן מיט ברען אין כלל־ארבעט און העלפן יידן בשעת טויט־געפאר האט געשוועבט אין דער לופט. ערב דער אויסזידלונג שיקט זי איר לעצטן בריוו צו איר זון אין די ארבעלנגעלסקער וועלדער. דער בריוו איז א מוסטער פון העלדישקייט און אפפערווויליקייט און פאראייביקט פאר שפעטערע דורות א יידישע מאמע אין אירע הערלעכסטע פארבן. אט אזוי לויטעט דער בריוו, וואס איז אויף א פלא׳דיקן אופן אפגעהיט געווארן ביי די קינדער:

„איך ווייס נישט, טייער קינד, אויב מיר וועלן די זכיה האבן זיך נאך צו זעהן. דאס יידישע פאלק לעבט איבער די שווערסטע טעג אין זיין געשיכטע, דו בלייבסט א קדיש־ליכטל נאך א גרויסער און הייליקער משפחה. היט אפ דאס פייער מיט די לעצטע כוחות. געדענק יידן און יידישקייט און האלט הויך דעם געפייניקטן און פארשוואכטן פאן.”

די מאמע מיטן זון האבן זיך געגרייט צוזאמען מיט אלע טשעכאנאווער יידן, צום טויטן־צוג. די מאמע פאלט ארויף אויף איר געליבטן זון, באדעקט אים מיט הייסע קושן און פרעגט אים: צי ווייסטו וואס ס׳דארף באלד מיט אונז פארקומען? ער ענטפערט: טייערע מאמע. עס איז פאר מיר אלץ קלאר. איך וויל יעצט מיין מחשבה קאנצענטרירן אויף דעם גרויסן מאמענט וואס הייסט קדוש השם.

— אפשר וועט דיר געלונגען זיך אפצוראטעווען. דו ביסט נאך יינג און זיי קענען דיך נאך דארפן צו ארבעט. זאל דיר נישט זיין קיין שאד די מאמע, וויל העלפן קענסטו איר סיי ווי נישט.

— ניין, מאמע. אונזער גורל איז געבינדן אויף אייביק. איך בין דער וואס איז געבליבן מיט דיר אין די לעצטע יארן פון דיין לעבן און איך וועל דיך נישט פארלאזן. עס האט מעהר טעם צו שטארבן מיט דיר ווי לעבן אן דיר.

אזוי זענען געגאנגען די צוויי געלייטערטע נשמות צו דער עקידה פיל מיט האפענונג אז דאס יידישע פאלק וועט זיי נישט געלונגען אומצוברענגען.

ווי איז אונז וואס מיר האבן פארלוירן. וואו געפינט מען נאך אזעלכע מאמעס און זין. זאל זיין זייער זכרון הייליג און געליבט.

---

אדרעס פון טשעכאנאווער קאמיטעט:

יעקב כהנא, תל־אביב, רחוב זבולון 33, פארן טשעכאנאווער קאמיטעט

---

## שטימונגס־ליד פון די טשעבאנאווער אין אוישוויץ

מיר וועלן פאר אייך א ליד דערצעהלן
א ליד נישט פון קיין פארגעניגן
ווערטער פון טרויער און אומעט
טרערן אין די הערצער טוען שטיקן

אוישוויץ הייסט דאס קליינע שטעטל
אין געגנט פרעכטיג, זעהר שיין
עס וועט אמאל א טרויעריק דענקמאל
מיט א גרויסן אויפשריפט שטיין

דארט אין דעם קליינעם וועלדל
בזשעזשינקא איז דער שוידערלעכער נאמען
מיליאנען פון גאנץ אייראפא יידן
טראגיש זענען דארט אומגעקומען

דארט אין דעם קליינעם ווייסן הייזל
וואס שטייט אזוי אומשולדיג אויפן פעלד
מאסן יידן זענען דארט אריין
און נישט מעהר אנגעזעהן די וועלט

עס וועט און עס מוז א צייט נאך קומען
וועןביילן וועט די פויסט אין דער האנט
פאר פארגאזן אונזערע טייערסטע און בעסטע
און דערנאך ווי פארברענט

עס וועט און עס מוז א צייט נאך קומען
זוען פלאטערן וועלן די בלוי־ווייסע פענער
נקמה אין דעם שונא צו נעמען
ביי די קלאנגען פון התקוה־טענער.

## פאר דיר, ראזא

געווידמעט ראזא ראבאטא

זאנגן האבן קעפ איינגעבויגן,
וועט זיי אויסמיידן דער שטורם ?
צווישן פלאמען האבן אויסגעקוקט אויגן.
אפשר וועט זיין א ליכט־טורם ?

האסטו פלוצים א פאן געהויבן הויך,
נקמה און קאמף פאר בלוטיקן וויי!

האבן גופים געפייניקטע אין פלאם און רויך
דערפילט: געבונדענע הענט ווערן פריי.

אין דיין טאט ליגט ברכה און ליכט
פאר יעדן שטאלצן מוטיקן ייד.
דיין לעבן און טויט דאס שענסטע געדיכט
פאר אלע וואס גייען אין דיינע טריט.

דפוס שטרן, תל־אביב, החלוצים 35